# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 241 · פרשת לך לך · תשפ"ה

**ניו יארק נייעס:**
זעלטענע טרוקעניש

**פנינים:**
חזקי זיי מיר מוחל!

**צום פינטל:**
א וועלט אן פינטעלע



# אחד היה אברהם

## היסטאריע חזר'ט זיך איבער

26



קרית ברסלב בלעטל

פרשת לך תשפ"ה • 241

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
בערל שניטצלער
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול

צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן
בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00

## מאראטאן אין ניו יארק
10




## א טאג פון דרייסיג שעה
16




## פישעלעך טאנצן אריין
25



| | |
|---|---|
| 6 | צום פינטל |
| 14 | מעשיות פון תפילה |
| 18 | א מעשה פון א צדיק |
| 40 | געשעעניש |

צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
איוף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
איוף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
077.930.9648

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

## זמנים
פרשת לך ח' חשון

הדלקת הנרות.. 04:26
מוצאי שבת...... 05:55

**מנחה מעריב**
פרשת וירא
05:35






מיט א פעלזן פעסטע אמונה
זיך געהאלטן שטארק אין א פארווארפן
לאנד, אין ברען פון די צווייטע מלחמה.

# יאקאב!

**א העכסט דראמאטישע פארזעצונג**

אנגעהויבן קומענדיגע וואך בעז"ה

# בריוו פון די רעדאקציע

## פארוואס טאקע ציעט די וועיפער קעיק?

**פארגאנגענעם וואך איז ארויסגעפאלן די לעצטן שטיקל ביי די ארטיקל "פארוואס ציעט די וועפעיר קעיק" וועלן מיר דא עס אראפברענגן.**

**אין קורצן איז די מעשה געווען אז זי האט געקויפט די ציענדע וועיפער קעיק וואס איז חברט'ע האט ארויסגעלייגט אויף די טעקסט גרופ. ביז זי האט זיך געכאפט נאך א שטיק צייט אז דאס איז זייער נישט גוט פאר איר, און נאכן בעטן דעם אייבערשטן איז זי ברוך השם אראפ פון די גרופ און מער נישט געקויפט די איבעריגע קעיקס.**

**יעצטליינט די המשך:** מ'קען נאר גליסטן דאס וואס מען זעט - ווערט געברענגט. איך האב זיך געכאפט וויפיל זאכן מ'קומט צו דורך זען וואס מ'דארף נישט, צו דורכן טעלעפאון, צו דורך וואכענטליכע מאגאזינען וואס מ'ליינט נאר שנעל אדורך, אדער ווען מ'גייט ארויס אין געשעפטן, און זיי לייגן ארויס בליטשקעדיגע שיינעדיגע סעילס, צו מאכן א מענטש קויפן זאכן וואס זיין ווילן נישט.

איך האב מחליט געווען ס'איז צייט ארייינצוגיין אין די תיבה פון א צדיק, דער אייבערשטער האט געהייסן נח ארייינגיין אין א תיבה, און מיטנעמען זיין משפחה מיט זיך. איין פשט זאגט אז אין די תיבה האט באלאכטן א "צהר" א דיימאנט, א צווייטע פשט זאגט אז ס'איז געווען א קליינע פענסטער. ווען נח האט ארויסגעשיקט די פייגל די לעצטע מאל, איז זי צוריקגעקומען מיט א שטיקל צווייג וואס איז ביטער.

אזוי איז עס ווען מיר קוקן ארויס פון אונזער הייליגע תיבה, ווי מיר לעבן מיט די אייגענע משפחה, אויב נעמט מען דעם "צהר" און מ'טראכט דאס אויס אלס א דיימאנד וואס שיינט און שטראלט, איז עס א מחי'.

מ'נעמט דעם רבינ'ס עצות, מ'נעמט דעם רבינ'ס לימודים, און ס'באלייכט די הויז, מ'איז זוכה צו לעבן אין א תיבה באשיצט פון די מבול וואס וויל אונז אינטערברענגן. אויב אבער נעמט מען דעם "צהר" און ס'איז א פענסטער ארויסצושיקן אונזער פייגל, אונזער קינדער אונזער מענער און זיך אליין, גיין קוקן וואס טוט זיך אויף די גאס, וואס טוט יעדער איינער, דעמאלט קומט מען אהיים מיט א ביטערע צווייג, ס'מאכט דעם לעבן א ביטערע טעם, נאכצויאגן אלעס וואס יעדער האט.

לאמיר אריינקריכן אין אונזער הייליגע תיבה, לעבן באשיידן מיט די מאן און קינדער, אזוי וועלן מיר זוכה זיין לעבן מיט די לעכטיגע עצות פון הייליגן רבי'ן.


אמאליגע צייטן
פלעגט מען גיין
צום דאקטער.

אמאליגע צייטן איז מען געלאפן טעגליך
צום דאקטער פאר א פלו טעסט
היינט-צו-טאגס קומט דער דאקטער'ס אפיס
אראפ צו אייער היים און אפיס.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטער'ס
אפיס ביי דיר
אינדערהיים



# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט?



## שאלה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גְרוֹיסֶע מוֹסָד פוּן נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ, אִיךְ מַאךְ בָּרוּךְ ה' שֵׁיין פַּרְנָסָה, אָבֶּער אִיךְ דַארְף זִיךְ אַסַאךְ דְרֵייעֶן אִין דִי בִּנְיָנִים אוּן אִין דִי קְלַאסְן, אוּן סְ'קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וֶועמֶען אִיךְ סֶערְוִויר בַּיי דִי אַרְבֶּעט. כָאטְשׁ וָואס אִין מַיין אָפִיס זִיצְן נָאר מֶענֶער, אִיז אָבֶּער אִין דִי אַנְדֶערֶע אָפִיסֶעס דָארְט אוֹיךְ דָא פְרוֹיעֶן, אוּן בִּכְלַל דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט אַסַאךְ פְרוֹיעֶן. אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען נָאר פְרוּמֶע אוּן הֵיימִישֶׁע, מְ'רֶעדְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קַיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה שְׁפִּיר אִיךְ אַז מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם אִיז נִישְׁט גוּט בַּיי דִי אַרְבֶּעט, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר עֵצָה'ן וָואס צוּ טוּן, פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס אַ גוּט בַּאצָאלְטֶע פַּרְנָסָה, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייס אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ דָאס אִיז אַ כָּשֶׁר'עֶ פַּרְנָסָה וַוייל אִיךְ פַאל דָארְט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן; אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין דִי אַרְבֶּעט אוּן אִין דִי גֶעלְט, אָבֶּער אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף פְרוֹיעֶן רַחְמָנָא לִצְלָן דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט, וְוִיפִיל מֶען פַארְדִינְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶענוּג וְכוּ'. מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): "**עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ**", 'יְשַׂבֵּרוּ' - קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׁין: "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ 'יְשַׁבֵּרוּ'", אַז מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִי אוֹיגְן - מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה אִין צַייט

שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע וָואס וְויל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין מִיט דִי אוֹיגְן, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זֶען אֱלֹקִית אִין יֶעדֶע זַאךְ, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן אִין מִיר", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן בַּיי דִי אַרְבֶּעט מִיט פְרוֹיעֶן וֶועסְטוּ זִיךְ הִיטְן וְכוּ' - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, וַוייל וֶוען מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; דָאס בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פִּנְחָס, רמד:): "**מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִרוּרִין דְּנַהֲמָא, עֲנִיוּתָא רָדִיף אֲבַתְרֵיהּ**", וֶוער עֶס אִיז וַוארְפְט אַרָאפּ בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן בְּרוֹיט וֶועט זַיין אַן אָרִימַאן, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דִּמְזַלְזֵל בְּפִירוּרִין דְּמוֹחָא", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דָאס מַזָל אוּן מֶען וֶוערְט אַן אָרִימַאן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# צום פינטל

## א וועלט אן פינטלעך

ווען עס האבן זיך באוויזן א שטויס מיט בחורים אין "בית המדרש - כולל אברכים" (אויך באקאנט מיטן נאמען "האשקי בית המדרש") ווי עס שיינט האבן זיי פארוויילט א שבת דא אין די בערג, און ווען עס איז נישט געווען קיין מנין האבן זיי זיך פלאצירט אינעם האשקי שול.

די 13 יעריגע יונגלעך האבן נאר געוואלט טרעפן איינעם וועמען צו פרעגן זייערע שאלות, אבער זיי האבן נישט אנגעטראפן אינעם ריכטיגן פערזאן.

"פארוואס ענדיגט מען מעריב מיט שיר המעלות"? (גראדע איז עס נישט שיר המעלות נאר שיר למעלות) "אהא! די תשובה איז פשוט, און דאס וועט פארענטפערן די צווייטע פראגע אויך פארוואס מען זאגט ברכו באלד דערויף, ווייל אין ברסלב הייבט מען אן מיט א פרישקייט כאילו לא היה, דערפאר ביי מעריב, אזוי ווי מען ענדיגט, הייבט מען גלייך אן שיר המעלות... און דערנאך ברכו, מען גייט פריש דאווענען."

ווי דער גר וואס פרעגט ווייטער הלל הזקן, האבן זיי געשטעלט זייערע פראגן, אבער אנדערש ווי ביי הלל וואס דארטן האבן די פראגן אויפגערעגט, דא האבן די ענטפער'ס אויפגערעגט, א בחינה פון בא ללמד ונמצא למד.

און צום שלוס האבן זיי אנגערירט דעם פינטל... "פארוואס האבן אלע ספרים דא פינטלעך"?

"אהא! דאס איז זייער פשוט, ווייל אין ברסלב לערנט מען אלץ נקודות, אלעס דרייט זיך ארום דאס פינטעלע אמונה, מען לערנט די 'נקודה', דעם פינטל, דאס פינטעלע איד."

נו אז מען ענטפערט אזא תירוץ (לשון סיפורי מעשיות) העכסט ווארשיינליך פאלט ביי זיי די נקודה, אבער וואס דארף מען זיך בויען אויף יענעם, ביי יעדעם איז דא עפעס א נקודה טובה?!

אבער ווארט, דאס איז נאכנישט אלעס, שטעלט אייך פאר א וועלט אן פינטלעך, לכבוד נרו יאיר, עס וואלטאך ארויסגערינען אלע פריוואטע נעמען...

א וועלט אנע פינטלעך, שטעל דיך פאר. מילא פּרעה פרעה... שוין. אבער תּרח תרח, שוין אין ישראל איז דאך סיי ווי אלעס טָא טָא, במילא איז דארט נישט קיין נפקא מינא, אבער שטעל דיך פאר 'ער ווייס' ניין 'ער'ס בייז' (בּית - בית), עפל פּיי אדער פיי? (בכלל נישט ביידע פון דאס, ס'הייסט 'קוגל').

שוין, א יאר אויף פרעה, איין חילוק... אבער דארט שוין יא... ווען דו שיקסט בליץ פאסט, און דו פארפעלסט דעם פינטל קומט עס נישט אן, ווי קליין דער פינטל זאל נאר זיין, מוזטו צו אים צוקומען, אן אים איז גארנישט נישטא...

נו אזא פנים האט א בלעטל אז עס פעלט 'צום פינטל'.

נו וואס איז טאקע די נקודה, ווייסע זאקן קען מען קויפן פאר א פאר סענט, דאס זעלבע איז מיטן פואלא שורט.

נו וואס איז דעמאלט די נקודה? די נקודה איז אז א מענטש נעמט די קליינע מויל און לייגט אריין אפאר פינטלעך, דאס מאכט די נפקא מינא אין דעם מענטש!

# היכל הקודש
# נייעס



**קרית יואל**

## צוואנציג יאר פון היכל הקודש העיס קרית יואל כלן שוים לטובה

פאראנגעגענעם יום כיפור תשפ"ה איז אפגעצייכענט געווארן דער אומגלויבליכער ציפער פון 20 יאר וואס קהל קודש היכל הקודש קרית יואל אפעריערט מיט א געוואלדיגע הצלחה.

ווער עס האט געליינט דעם ארטיקל פאראנגעגענעם ראש השנה דא אין קרית ברסלב בלעטל האט געקענט זען אביסל וואס עס ליגט אונטער דעם בית המדרש. דארט שטייט באריכות די השתלשלות פונעם בית המדרש ווי מיט רצונות און תפילות פון אנשי שלומינו איז יענעם יום הקדוש נתייסד געווארן מיט גרויס סייעתא דשמיא דער הייליגער מנין, וואס פון דארט איז שוין ארויס אזויפיל תורה, תפלה און גמילת חסדים וואס מען קען נישט אפשאצן.

פון דעם בית המדרש איז נאך די הייליגע קהלה שטארק געוואקסן, דערפון איז ארויסגעקומען נאך בתי מדרשים היכל הקודש, און עס גייט נאך אן ביזן היינטיגן טאג ביתר שאת וביתר עוז, ווי עס ווערט געפירט דורכן געטרייען גבאי הר"ר יואל פארקאש שליט"א וואס פירט אן דעם בית המדרש און מיט אירע הייליגע אקטיוויטעטן מיט'ן גאנצן שטארקייט.

דער בית המדרש איז אן אור פאר די גאנצע שטאט, אויסער די מתפללים קבועים וואס באקומען זייער חיות פון דעם בית המדרש, איז עס א צוציאונגס קראפט פאר פילע שכנים וואס קומען כסדר ארויף, שפירנדיג אז פון דארט קומט מען ארויס א נייע מענטש.

עס איז נישט מעגליך ארויסצוגיין פונעם בית המדרש אן א הרהור תשובה. יעדער וואס טרעט איבער דעם שוועל באקומט א ווארימע אויפנאמע פון אנשי שלומינו, מען שפירט די געוואלדיגע ליבשאפט וואס הערשט אין די לופט, יעדער פארגינט זיך א גוט ווארט, קיינער זוכט נישט זיך צו גרויסן, נאר יעדער שפירט פאר א זכי' ווי מען קען צולייגן א האנט.

יעדער שפירט זיך א חלק פון די הייליגע קהילה, איינער וואשט, איינער גרייט אן, איינער פאקט צוזאם, איינער ברענגט קידוש, איינער ברענגט שלש סעודות, און צוזאמען איז מען זיך מחזק מיט'ן הייליגן רבינ'ס דיבורים.

בפרט איז א שם דבר דער וועכנטליכע "הפצה פארברענג" יעדן דינסטאג נאכט אום 8:45, ווי דער גבאי לערנט פאר א שיעור אין הייליגן ספר פעולות הצדיק, און מען רעדט פון הפצה, תפלה, און אלע אנדערע עצות וואס דער רבי' האט אונז געגעבן.

**אנן בחביבותא תליא מילתא!**

# די קליידער סטאר אין קרית ברסלב פארגרעסערט ב"ה



אין פריידיגע נייעס הערט מען אז אין די לעצטערע טעג האט מען ברוך השם פארגרעסערט און פארברייטערט די קליידער סטאר אין שטעטל.

ברוך השם די קליידער סטאר אין שטעטל גייט שוין זינט די גרינדונג פונעם שיינעם ברסלב'ן שטעטל, דער ראש ישיבה האט דאס געפאדערט גלייך ביים אנהייב אז אזא סטאר איז זייער וויכטיג, כדי נישט צו דארפן אויסגעבן גרויסע געלטער ביים איינקויפן קליידער פאר די גאנצע משפחה.

אנגעהויבן האט זיך עס אויף א קליינעם פארנעם אין די בעסמענט פון משפחת היילפרין, צוביסלעך האט מען זיך געטראפן אז דאס איז זייער קליין און אויסגעוואקסן. די הנהלה האט אפגעקויפט א גרויסן בילדינג און דארט אריבערגעצויגן די קליידער סטאר, אזוי אויך האט מען דארט געעפנט די קיאסק, וואס איז אויך איינס פון די וויכטיגע זאכן וואס דער ראש ישיבה האט געבעטן גלייך פון אנהייב עס זאל זיין אין שטעטל, א פלאץ איינצוקויפן אנליין, כדי נישט צו דארפן האבן די כלים אינדערהיים, די שטוב זאל זיין ריין.

יעצט נאך אפאר יאר זיין אויף דעם פלאץ איז שוין דאס אויך אויסגעוואקסן, נאכדעם וואס די משפחות אין שטעטל ווערן אלץ מער און מער כן ירבו, האט דער ראש ישיבה געבעטן מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו חבר הנהלה ער זאל זען מען זאל פארברייטערן דעם פלאץ, כאטש אויף ביזדערוויל, ווילאנג מען ציעט זיך אריבער צו א גרעסערן לאקאל. אומר ועושה, מען האט זיך אריינגעלייגט דערין מיטן גאנצן שטארקייט, מו"ה אליעזר שמן הי"ו האט אריינגעארבעט אויפצובויען נאך אפאר צימערן וואס איז נישט געווען אין באניץ ביז יעצט, און דאס געעפענט צו די געברויך פונעם באזאר.

יעצט ביים שרייבן די שורות איז שוין די באזאר פולקאם גרייט צו סערווירן אלע חשובע משפחות מיט פיל א גרעסערע אויסוואל פון אלע סארטן שיינע קליידער פאר די גאנצע משפחות פון אויבן ביז אונטן, אלעס פאר אפאר דאלער.

אין די צייט טוען מיר זיך באדאנקען פאר אלע חשובע פרויען וואלונטירן וואס העלפן ארויס אהערצושטעלן דעם באזאר ווי עס דארף צו זיין, עס איז איינגעטיילט אויף א מסודר'דיגע פארנעם, ווען יעדע וואלונטיר קומט, און וואס די ארבעט זאל זיין. איינע פאקט אויס די קליידער, איינע קוקט איבער וואס ס'איז מיסט און וואס ס'איז ראוי ארויסגעלייגט צו ווערן, און אזוי ווייטער, מען ארבעט מיט די גאנצע הארץ און נשמה אז די באזאר זאל זיין אהערגעשטעלט אויפן שענסטן און בעסטן אופן, און ווי עס טוען טאקע עדות זאגן די חשובע משפחות וואס קומען איינקויפן, אז די באזאר איז גאר שיין און מסודר אהערגעשטעלט אזוי שיין ווי די שענסטע קליידער סטארס. דער אייבערשטער זאל באצאלן די חשובע וואלונטירן מיט אלעס גוטס, זיי זאלן זען אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך.

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



# פאפיר

## שאלה

וואס איז פאפיר, און וויאזוי מאכט מען דאס?

משה'לע ב.

## ענטפער

טייערער משה'לע, עס איז גוט אז דו האסט געפרעגט איבער פאפיר, ווייל דאס איז איינע פון די זאכן אויף וואס מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן יעדן טאג אז ער האט אונז געגעבן די מעגליכקייט היינט צוטאגס צו האבן גוטע שיינע שטארקע פאפיר פאר אזוי ביליג, און דערמיט געבט עס די מעגליכקייט פאר אונז איינצוקויפן הונדערטער ספרי קודש, הערליך און שפאט ביליג, אז אפילו ווער עס פארדינט ווייניג קען זיך ברוך השם ערלויבן צו האבן חומשים, משניות, גאנצע סעטס פון ש"ס, און די ספרים פון אלע אנדערע גדולי ישראל און צדיקים וואס דערמיט קענען מיר ווערן ערליכע אידן, און וויסן וואס דער באשעפער וויל פון אונז.

איידער עס איז געווארן באקאנט פאר די וועלט וויאזוי מען מאכט פאפיר, זענען ספרים געווען זייער טייער, ווער האט זיך געקענט ערלויבן צו קויפן א ש"ס? אפשר דער רב און דער דיין האבן געהאט אן אייגענע ש"ס, די אנדערע אידן פון שטאט האבן זיך געדארפט איינטיילן אין בית המדרש, ווען איך לערן מסכתא קידושין, וועט דער צווייטער מוזן לערנען מסכתא פסחים און אזוי ווייטער.

ווער רעדט נאך פון אפשרייבן די תורה און די חיזוק פון די צדיקים. ווער האט זיך דאס געקענט ערלויבן איידער עס איז געווען פאפיר? היינט קומט מען אריין אין בית הדפוס, און מען זעט ווי עס קומט אן א טרעילאר פון פעלעטס פאפיר, וואס קאסט רעלאטיוו צו אמאל זייער זייער ביליג. א פאלעט וואס ליגט דערין 200,000 (צוויי הונדערט טויזענט!) פאפיר, קאסט היינט בערך $2,000.

וויאזוי מאכט מען טאקע פאפיר אז עס קאסט אזוי ביליג? פאפיר מאכט מען פון "האלץ", מען שיילט אפ די שאלאכטס פון דיביימער, מען צוהאקט און צומאלט די האלץ גאר גאר שטארק, מען מישט עס אויס מיט וואסער, מען לייגט צו פארשידענע כעמיקאלן וואס העלפן די פייבער פון די האלץ זאל ווערן גענצליך צונימען, ביז עס ווערט א מאטריאל וואס מען רופט "פולפ". דער פולפ זעט אויס ווי א געדעכטע טייג פון וואס מען וועט מאכן שפעטער די פאפיר.

דערנאך הייבט זיך אן דער פראצעס פון ארויסנעמען די וואסער און די נאסקייט פון די צומאלענע האלץ טייג, די טייג וואס איז שוין היבש טרוקן ווערט דערנאך ארויפגעלייגט אויף גרויסע ברייטע פאסיקעס, און עס הייבט זיך אן אויספארמען פאפירן, די פייכטע פאפיר פארט דורך א ווארימע פלאץ ווי די וואסער ווערט גענצליך אויסגעטרוקנט, און פון די אנדערע זייט פארט ארויף די פרישע טרוקענע פאפיר אויף ריזיגע ראלס, וואס וועט שפעטער צושניטן ווערן לויט די מאס וואס דער קאסטומער האט באשטעלט.

די פאפיר קומט דערנאך אן צום בית הדפוס ווי מען דרוקט ארויף דערויף די אלע הייליגע דיבורים פון אונזערע רבי'ס, מען דרוקט ארויף די התחזקות און עצות פונעם ראש ישיבה שליט"א, און פאר עטליכע פרוטות קען יעדער זוכה זיין צו לערנען די אלע הייליגע ספרים און אויסוואקסן א צדיק.

אזוי אויך ווערט פאפיר פאר אלע נויטיגע זאכן אינעם מענטשנ'ס לעבן, אנגעהויבן אינדערהיים ווען מען דארף אפשרייבן די גראסערי ארדער איבערצוגעבן פאר קינד, צו אין אפיס ווען מען האלט אין איין פרינטן נאך און נאך פאפיר פאר די וויכטיגע פלענער וואס ליגט יעצט אויפן טיש, און אזוי ווייטער.

בלייבט נאר איבער פאר אונז צו זאגן "שכח אייבערשטער פאר די גוטע מתנה פון פאפיר, וואס העלפט אונז ארויס יעדן איינציגן טאג".

## הדיבור הולך אל הרוחות, והכתב נשאר לדורות!

גרשון קרעמער



# יערליכע ניו יארק סיטי מאראטאן פארגעקומען פארגאנגענעם זונטאג

יעדעס יאר פארזאמלען זיך א געשאצטע פופציג טויזנט מענטשן צו איינע פון די מערסט באקאנטסטע מאראטאן געלויפן אין די וועלט.

דאס איז א גוי'אישע משוגעת וואס אירע ווארצלען גייען נאך צוריק ביז צו די יוונים וואס האבן פארגעטערט ספארטס, און האבן זיך אוועקגעגעבן דאס לעבן פאר די אלע שפילערייען, וואס פילע פון זיי גייען נאך אן ביז היינט אין די גויאישע וועלט.

דער מאראטאן איז ווי א חי' וואס לויפט נאך איר אייגענע ווידל, און ווי די רייסערס וואס רייסן זיך אויף זיך ווייל דער אנדערער רייסער האט זיך אויך אויפגעריסן, מען לויפט און מען לויפט און מען קומט אין ערגעץ נישט אן. אנו רצים והם רצים, מיר לויפן אין בית המדרש, מען קויפט זיך איין צו עסן און צו טרונקען לעד ולנצח נצחים, און דער גוי לויפט ווייל יעדער לויפט...

דער מאראטאן אין ניו יארק גייט שוין אן זינט יארע 1970 למספרם, און איז מיט די צייט אויסגעשטיגן אלס איינע פון די גרעסטע אזוינע געלויפן איבער דער גארער וועלט. די ערשטע מאראטאן איז פארגעקומען 54 יאר צוריק די דריי־צענטער אין סעפטעמבער אין יאר 1970 למספרם. די געלויפעכטס האט זיך אנגעהויבן דעמאלט מיט 127 מענטשן, און געענדיגט ביי 55 וואס זענען אנגעקומען ביזן סוף. מיט די יארן איז עס געווארן גרעסער און ברייטער.

היינט צוטאגס קומען טויזנטער מענטשן צו פארן צו האבן די זכיה צו קענען מיטלויפן מיט "יעדעם" (און נישט אנקומען אין ערגעץ אזוי ווי "יעדער"), און דערפאר טוט עס די שטאט שטיצן ווייל עס העלפט ארויס די שטאטישע עקאנאמיע, צוליב די פילע טוריסטן וואס קומען באזוכן.

דער לויפעריי ברענגט אבער אסאך קאפ וויי און טראפיק פאר די שוין אזוי אויך אנגעלייגטע שטאט, ווי צום ביישפיל דער היימישער וויליאמסבורג ווי דער מאראטאן לויפט דורך ווערט צוטיילט אין צוויי, אן קיין מעגליכקייט דורכצוגיין בעדפארד עוועניו במשך די גאנצע צייט.

דער מאראטאן לויפט דורך אלע פינף באראס פון די שטאט, אנגעהויבן אין סטעטן איילענד, פון ווי די לויפער כאפן זיך אריבער קיין ברוקלין (און שפעטער קיין וויליאמסבורג) דורך די ווערעזאנא בריק, דערנאך גייט עס דורך דעם פולאסקי בריק קיין קווינס, דערנאך כאפט זיך עס אריבער קיין מאנהעטן, פון דארט קיין בראנקס און עס ענדיגט זיך ביי די פינפטע עוועניו. עס הייבט זיך אן צען אזייגער אינדערפרי, און די שנעלע לויפערס ענדיגן ביי צוויי דרייסיג נאכמיטאג.

עס איז זייער מאדנע צו זען טויזנטער מענטשן לויפן און לויפן אן קיין צוועק און אן קיין ציל, אבער לאמיר אויך זיכער מאכן אז מיר לויפן נישט אן קיין תכלית. לאמיר נישט זיין ווי דער נארישער גוי וואס לויפט אן קיין ציל. מיר האבן געלויבט דעם אייבערשטן באקומען א תורה, און מצוות פונעם אייבערשטן, וואס דאס איז אונזער וועג ווייזער, און דאס איז דער לעבנ'ס מאראטאן אויף וועלכע מיר שפאנען.

א נס האבן מיר אז מיר האבן א מנהיג וואס וועקט אונז אויף יעדע מאל פונדאסניי אז מיר זאלן נישט נאכלויפן דאס וואס מען קען נישט כאפן, נאר נאכלויפן תורה ומצוות וואס מען קען יא כאפן מיט ביידע הענט.

**אנו רצים לחיי העולם הבא!**





# זעלטן טרוקענע וועטער פארגאנגענעם חודש תשרי העעל"ט אין ניו יארק

עס איז דורך אויף ניו יארק א זייער טריקענער חודש תשרי תשפ"ה, א חודש וואס האט ממש גארנישט גערעגענט. א זאך וואס איז זייער זעלטן פאר די קלימאט אין אונזער געגענט. די געוועגליכע רעגנדיגע און ווינטיגע הערבסט האט זיך היי יאר ארויסגעשטעלט צו זיין טרוקן ווי פעפער.

אין א געוועגליכע יאר אויב עס לאזט זיך אראפ א רעגן אום סוכות חזר'ט מען די הייליגע ווערטער פון מוהרא"ש וואס פלעגט ברענגען די ווערטער פון חז"ל אז אויב עס רעגן סוכות איז עס אזוי ווי א קעניג האט געבעטן זיין געטרייע קנעכט זאל אים ברענגען א געשמאקע טרונק, און אנשטאט עס אננעמען גיסט דער קעניג אן דעם קנעכט מיט דעם טרונק. פשוט פשט איז אז דער קעניג וויל דיר זאגן "איך דארף דיר נישט". פלעגט מוהרא"ש פרעגן וואס ווילן חז"ל זאגן דערמיט? עס קען נישט זיין אז דער אייבערשטער וויל אונז צוברעכן, עס איז זיכער אז עס ליגט דערין עפעס א חיזוק, א מענטש זאל זיך קענען דערמיט שטארקן און ארויסנעמען דערפון עצות צו ווערן א בעסערע איד.

פלעגט מוהרא"ש זאגן אז דער פשט גייט אזוי, ווען א קעניג וויל אויפנעמען א קנעכט, וויל ער וויסן צי דער קנעכט איז אים געטריי, און ער וועט אים נישט ווידערשפעניגן, אדער ארבעטן באהאלטענערהייט פאר זיינע פיינט, דערפאר ווען ער נעמט אים אויף וויל ער אים שטעלן אויף א פראבע, ער גיסט אים צוריק די קאווע וואס דער קענכט האט אים אזוי געטריי געברענגט, און דער קעניג וויל זען וואס דער קנעכט וועט יעצט טון, אויב ער וועט צוריק שטויסן, ווייסט ער ווי ער האלט מיט אים, און עס איז קלאר אז מען קען אים נישט געטרויען, אבער אויב דער קנעכט בלייבט ערליך, ער פרעגט דעם קעניג "אדוני המלך, זאל איך ברענגען א נייע?", ווייסט ער אז דער איז א געטרייער קנעכט.

דאס ווילן אונז חז"ל מחזק זיין, אז מיר זאלן נישט צופאלן ווערן ווען מיר פרובירן צו זיין אן ערליכער איד און מען שפירט ווי מען דערווייטערט אונז פון הימל, מען שפירט אז מען לאזט אונז נישט ווערן אן ערליכער איד, זאל מען זיך מחזק זיין און נישט אפלאזן, ווייל דאס מיינט אן ערליכער איד, איינער וואס עס גייט אים איבער שווערע נסיונות ברוחניות ובגשמיות אבער ער גייט נישט אוועק, ער געבט נישט אויף, ער בעט און ער הייבט אן נאכאמאל און נאכאמאל.

יעצט אז ס'איז אדורך יום טוב סוכות קען מען עס זיכער אנקוקן אלס א גוטע סימן אז דער אייבערשטער האט אונז ליב, און אונז געגעבן הערליכע וועטערס אן קיין רעגן און אויך נישט קיין קאלטע טעג, בפרט אין די חול המועד טעג איז געווען גאר שיינע וועטערס פון וואס אונז אידן האבן זיך פיין מחי' געווען דערמיט.

אבער יעצט נאך א חודש צייט פון טרוקענער וועטערס פארלאנגט דאס פון אונז אביסל פארזיכטיגקייט, פאריגע וואך האט אין שטעטל פארברענט באקסעס אין זיין הויף און א ווינט האט אויפגעהויבן איין ברענעדיגע באקס אריין צום נאנטן וועלדל, און ברוב רחמיו וחסדיו פונעם אייבערשטן האט ער אונז אפגעהיטן אז עס זאל חלילה נישט אויסברעכן א ווילדע וואלד פייער, וואס קען חלילה זיך אויסלאזן גאר ביטער, און די פייערלעשער האבן באוויזן שנעל צו באקומען קאנטראל דערויף און עס באצייטנס אויסגעלאשן ברוך השם.

יעצט דארפן מיר אלע בעטן דעם אייבערשטן עס זאל שוין רעגענען, ווייל דאס דארף מען זייער וויכטיג האבן פאר די געברויך פון די בריאה.

**מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה!**

# חזקי זיי מיר מוחל!

מיט א קנאפע חודש צוריק האבן מיר - געלויבט דעם אייבערשטן - זוכה געווען זיך צו ציילן צווישן די טויזנטער אידן, פון אלע שיכטן און קרייזן, וואס האבן מקיים געווען דעם ציווי פון הייליגן רבי'ן און געוויילט ראש השנה ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן. דורכאויס דעם יאר האבן מיר דעם חיוב זיך צו פרייען אז מיר האבן זוכה געווען צו דעם, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז ווער עס איז געווען ביי אים אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען א גאנץ יאר.

דעם פארגאנגענעם שמחת תורה ביים זינגען "א מחי'..." האט דער ראש ישיבה צווישן אנדערע אויפגעהייטערט אנשי שלומינו זינגענדיג "א מחי' אומאן", און אזוי אויך די ניגון "ווער ס'איז געווען ביי מיר אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען, אוי... האט זיך מיר געלוינט", אויפן טאן קאמפאזירט דורך מו"ה אנשיל פריעדמאן הי"ו, און געזינגען אויפן נייעם אלבום 'אפריון' פון מו"ה אברהם מרדכי שווארץ הי"ו, על כל פנים, עס איז שטענדיג אקטועל צו רעדן פון רבינ'ס ראש השנה...

עס איז ברוך השם געווען א הערליכע ראש השנה במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א, וואס האט אונז אנגעשטאפט מיט אזויפיל חיזוק און הדרכה מיט צו נעמען אויף א גאנץ יאר, פאר זיך און אין שטוב, און די שווערע ארבעט פון די חשוב'ע אנשי שלומינו שיחיו וואס האבן געמאכט באקוועם דאס דאווענען, עסן, שלאפן, גיין און קומען פון און צום ציון און אזוי ווייטער, האט אונז אלע ערמעגליכט און צוגעהאלפן דאס אלעס צו קענען אריינעמען אין זיך

ווי שיין און ליכטיג איז זיך צו טרעפן מיט די טייערע אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש פון אלע עקן וועלט, שמועסן און פארברענגען מיט אלעמען, עס שרייט זיך ארויס "שכח אייבערשטער" אז מען איז זוכה זיך צו געפינען אין אזא שיינע הייליגע קהילה, בנשיאות דער ראש ישיבה שליט"א.

איינע פון די מעשיות וואס איך האב געהערט האט מיך זייער איבערגענומען און גאר שטארק ארויסגעברענגט די גלאנץ און שיינקייט פון א תלמיד היכל הקודש.

די מעשה איז פארגעקומען צוויי יאר צוריק ערב ראש השנה תשפ"ד, דער בחור, לאמיר אים אנרופן חזקי, א פרייליכער געשמאקער בחור, פינקט ווי אונז אלע האט ער געטראפן א קונטרס/גליון/סידי און דאס גלייכן, פונעם ראש ישיבה, און עס איז געווארן ביי אים מעמד פתיחת שערים, עס האט זיך אים געעפנט די טויערן פון אמונה, שמחה, תקוה, תורה, יראת שמים, דרך ארץ, כיבוד אב ואם, און אזוי ווייטער, די שערים וואס עפענען זיך אויף פאר יעדן תלמיד היכל הקודש.

הערנדיג נאכאמאל און נאכאמאל פון דער ראש ישיבה אז מען דארף קומען ראש השנה אויף אומאן, האט ער מחליט געווען אז אפגעזען ווי גרינג אדער שווער די נסיעה און דאס וויילן אין אומאן וועט זיין, וועט ער מיטן אייבערשטנ'ס הילף דאס מאכן. ער האט אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זוכה זיין צו זיין ראש השנה אין אומאן, אזוי אויך האט ער זיכער געמאכט אז ער האט א פעליגער פאספארט און אזוי ווייטער. עס איז געקומען נענטער און נענטער צו ראש השנה, און חזקי ציילט שוין די וואכן און דערנאך די טעג צו קענען זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה, ער בעט און בעט: "הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל זוכה זיין אנצוקומען קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון אויף ראש השנה".

יעדער מקורב וואס וויל קומען צום רבי'ן האט זיינע אייגנארטיגע מניעות און נסיונות, בלבולים און חלישות הדעת, אבער דער מניעה וואס חזקי האט געהאט - אויף דעם האט ער זיך נישט געראכטן...

חזקי האט זיך איינגעפאקט זיין רענצל, זיך געזעגנט פון זיינע עלטערן, גענומען זיין תפילין און פאספארט, און מיט א ווארעמע קוש אויפן מזוזה פארלאזט זיין שטוב און געפארן צום עירפארט, שעפשענדיג תפילות די גאנצע צייט אז ער זאל עס מאכן בשלום. ער איז פרייליך, זיינע פיס טאנצן אונטער נאכן אויפגעבן דעם רענצל, ער האלט שוין א טריט נענטער... ער גייט שוין דורך די טשעק פאוינט, ער האט שוין אויסגעטון די רעקל מיט די פאסיק, די שיך מיט די הוט, גיי ווייס וואס ער באהאלט דארט... ער זעצט זיך אראפ ווארטן צו קענען ארויפגיין אויפן פליגער... אט אט...

ער שטייט שוין אין די רייע דורך צו גיין די לעצטע סטאנציע, דארט וואו די באאמטע נעמען צו די בארדינג פעסס און לאזן דעם פאסאנדזשיר מיטן קליינעם צעטעלע, שיריים פונעם בארדינג פעסס... און טראך... עפעס גייט פאָר... די באאמטע הויבן זיך אן ווינקען מיט

**יואל שניצלער**

די אויגן... זיי לאזן אים נישט דורכגיין, זיי שיקן אים אין די זייט, זיי זענען אים מודיע די ביטערע אנטוישנדע בשורה, אז ער קען נישט ארויפגיין אויפן פליגער... זיינע עלטערן האבן אריינגערופן אין עירפארט און ארויפגעלייגט אויף אים א "צו עיכוב", נעמליך, ער איז גייסטיש אומסטאביל רחמנא לצלן, און עס איז א גרויסע סכנה פאר אים צו פארן אויף א פליגער אן קיין עמטליכער באגלייטער...

זיין קאפ האט זיך גענומען דרייען... באשעפער וואס טו איך דא... מ'פארמאכט שוין די טירן פונעם פליגער... טאטי איך וויל זיין אין אומאן אויף ראש השנה... טאטע אין הימל... פליז... האב רחמנות אויף מיר... צו עיכוב... ממש אזוי?! באשעפער העלף מיר, העלף מיר... העלף... מיר...

ס'איז שטיל... די געיט איז שוין ליידיג... שטיל... אלע זענען ארויף אויפן פליגער, נאך אביסל הייבט זיך דער פליגער און חזקי איז דא געבליבן... אייבערשטער וואס טו איך? וואו גיי איך?

פארווייטאגטערהייט נעמט חזקי זיין רענצל מיט די גאנצע בארדינג פעסס און גייט ארויס פון עירפארט, ער נעמט א טעקסי אהיים... זיצנדיג אינעם טעקסי הויבט אים אן דורכלויפן אין קאפ זיין סיפור התקרבות... ער דערמאנט זיך ווי ליכטיג עס איז אים געווארן ווען ער האט די ערשטע מאל געהערט א שיעור פונעם ראש ישיבה, געליינט עצתו אמונה, א נייע וועלט האט זיך מיר געעפנט, מ'קען לעבן א געשמאקע לעבן מיטן אייבערשטן, איך קען אויך לערנען, איך קען אלעס בעטן פונעם אייבערשטן, וואו, איך האב אזויפיל גוטס אויף וואס צו דאנקען דעם אייבערשטן, אבער פארוואס זענען מיינע טייערע עלטערן נישט מסכים?! זיי זעען דאך ווי אנדערש איך בין געווארן, איך בין דאך נישט דער אלטער חזקי... מיין כיבוד אב ואם, מיין לערנען אינדערהיים, איך פארליר זיך שוין נישט אזוי ווען עפעס גייט נישט מיין וועג...

ער טראכט צו זיך, ווי אזוי זאל איך רעאגירן ווען איך קום אהיים... זאל איך זאגן פאר מיינע עלטערן וויפיל צער איך האב? זאל איך מיך איינשפארן אין מיין שטוב און בלאזן, דאס וועט דאך נישט העלפן, אבער זאלן זיי כאטש זען ווי שטארק עס טוט מיר וויי וואס זיי האבן געטון... אבער חזקי, הערט ער דעם קול פונעם ראש ישיבה, "דיינע טייערע עלטערן מיינען נישט דיין שלעכטס, זיי האבן דיך זייער ליב, נאר ליידער זיי האבן געהערט זייער אסאך לשון הרע אויף היכל הקודש, דערהאלט זיך חזקי, אלעס קומט פונעם אייבערשטן, בלאזן וועט נישט העלפן, פיר זיך מיט דרך ארץ וועסטו מאכן א שיינע נאמען פארן רבי'ן..." און מיט די מחשבה קומט חזקי אן אהיים...

> **ווי אזוי זאל איך רעאגירן ווען איך קום אהיים? זאל איך זאגן פאר מיינע עלטערן וויפיל צער איך האב? זאל איך מיך איינשפארן אין מיין שטוב און בלאזן?**

"א גוטן טאג!" רופט חזקי אויס מיט א גרויסן שמייכל, ער גייט אריין אין זיין שטוב און פאקט אויס זיין רענצל, די וועש, און דאס גלייכן, און קומט ארויס... אן קיין פיפס...

זיינע עלטערן קוקן זיך צו מיט וואונדער... נו ווען גייט עס פלאצן...?! מ'עסט נאכטמאל, חזקי גייט ארויס דאווענען מנחה מעריב, און קומט צוריק אהיים, אלעס געהעריג... אבער ווען גייט עס פלאצן...?!

ראש השנה איז אריבער רואיג און פריילין, ביי דעם בית המדרש און רבי פון זייער חסידות, אזוי אויך יום כיפור, און סוכות, און קיין ווארט דערמאנט נישט חזקי וועגן דעם שפיצל...

צוביסליך האבן חזקי'ס טייערע עלטערן אנגעהויבן זען אז עס נישט פשוט וואס דא קומט פאר... עס מאכט נישט קיין סענס די אלע שלעכטע זאכן און לשון הרע'ס וואס מ'זאגט אויף דער ראש ישיבה'ס תלמידים... חזקי איז נישט א יונגער בר מצוה בחור, ער איז שוין אן אכצן יעריגער חתן בחור, אזוי זיך צו קענען באהערשן... דאס איז נישט קיין געמאכטע מעשיות, דאס איז שווערע הארעוואניע...

חזקי האט ווייטער אנגעהאלטן די שיינע וועג, און נאך א קורצע צייט, נאך אנהויב ווינטער איז עס געשען... זיינע עלטערן האבן אים צוגערופן און דערציילט מיט התפעלות ווי איבערראשט זיי זענען פון זיין שיינע אויפפירונג... זיי האבן אים מפייס געווען אויף די צער וואס איז ארויסגעקומען פון די אלע לשון הרע'ס וואס זיי האבן געהערט אויף היכל הקודש, און זיי האבן אים געגעבן רשות, און געלט צו קענען קומען היי יאר - תשפ"ה - קיין אומאן אויף ראש השנה צום הייליגן רבי'ן...

איך האב געטראפן חזקי אין אומאן און אים געבעטן רשות צו מפרסם זיין די מעשה.

דאס איז נישט די ערשטע און נישט די לעצטע מעשה פון דעם זאנאר, אנשי שלומינו זענען געוואוינט צום ידום וישתוק, אבער די מעשה האט געכאפט מיין הארץ, און עס דערפרייט דאס הארץ זיך צו געפינען צווישן מענטשן וואס דער אייבערשטער און דער צדיק דיקטירן זייערע געפילן, נישט די אייגענע שכל. און ווער רעדט נאך פון גוי'אישע און לינקע טעראפאטישע שיטות.



# מעשיות פון תפילה

ברוך נויסבוים
בני ברק

איין נאכט האב איך מיך געטראפן צוועלף אזייגער ביינאכט נאך פאר מעריב. די לעצטע מנין ביי אונז אין געגנט איז צען נאך צוועלף, שפעטער פון דעם איז נישט דא קיין מנין.

איך בין געווען זייער אפגעשוואכט נאך א גאנצע טאג פון ימים שבינתיים, ערב יו"ט, ביז איך האב מיך פרובירט אנצוגרייטן ארויסצוגיין פון שטוב איז שוין געווען צען נאך צוועלף. איך האב נישט געהאט קיין כח זיך ארויס צושלעפן צום שול, איך האב מיך אויך געמאכט א חשבון אז ביז איך וועל אנקומען אין שול מיט מיינע אפגעמאטערטע פוס, וועט מען שוין סיי ווי ענדיגן די מנין.

איך האב שוין געטראכט צו בלייבן דאווענען אין שטוב, אבער איך האב געשפירט אז דאס איז עצת היצר, האב איך באשלאסן אז איך גיי יא גיין אין שול, אפילו איך וועל דארפן דאווענען ביחידות, אבער איך גיין אין שול. אזוי האב איך זיך ארויסגעלאזט און געטראגן מיין זעקל ביינער צום שול.

אויפן וועג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא קענען דאווענען מיט מנין, און כאטש זאל איך אניאגן ברכו פון נאך מעריב. למעשה אבער אזוי ווי איך קום אן זע איך אז מען האט שוין געענדיגט אלעס, האב איך מיך אראפגעזעצט אויפן בענקל זיך אפרוען און דאווענען ביחידות. פלוצלינג האב איך באמערקט אז אפאר אידן פרובירן צו צאמשטעלן נאך א מנין, א זאך וואס פאסירט קיינמאל נישט אין די שול.

שכח אייבערשטער אז ס'האט זיך צאמגעשטעלט צען אידן וואס האלטן נאך פאר מעריב, און היות די גבאים האבן נישט געלאזט דאווענען אין שול נאך חצות, האבן מיר געמאכט א מנין אינדרויסן, א זאך וואס איך געדענק נישט אז ס'האט אמאל פאסירט אז מען זאל מאכן א מנין נאכן לעצטן מנין.

שכח פאר די מערכת ה'בלעטל.

## ישראל דוד ברוקמאן

בני ברק

**1.** שכח אייבערשטער נאך אסאך תפילה און נאך אלע מניעות האב איך זוכה געווען אנצוקומען אויף ראש השנה אין אומאן צום הייליגן רבי'ן.

ווייל עס איז א לאנגע מעשה וועל איך שרייבן ממש בקיצור; איך האב געהאט א טיקעט מיט אנשי שלומינו פון בני ברק, זונטאג האזינו פארנאכט צו בוקארעסט, למעשה א חלק פון די קבוצה איז נישט ארויף אויף די פלייט, און איך צווישן זיי. בחסדי שמים האב איך מצליח געווען צו קויפן א טיקעט צו קפריסין, דארט אין עירפארט האב איך מצליח געווען צו קויפן א טיקעט צו סופיה - בולגריה, פון דארט האב איך שוין געהאט א טיקעט צו פארן מיט א באס ביז אודסה, דארט נאך אסאך תפילות האבן אונז געטראפן א טעקסי פאר א ביליגע פרייז וואס האט אונז געפירט דורך א זייטיגע וועג אן קיין שטערונגען ביז אומאן.

שכח אייבערשטער איך האב זוכה געווען אנצוקומען נאך פאר סליחות זכור ברית.

**2.** אויפן וועג צוריק ווען די באלאגן וואס איז געווען ביים גרעניץ, האבן מיר געדארפט אריבערגיין דעם גרעניץ צופיס, איך האב נישט אויפגעהערט בעטן דעם אייבערשטן אז אלע זאלן אניאגן צו אריבערגיין און מיר זאלן נישט פארפאסן די פליגער. ברוך השם אלע זענען אנגעקומען אין צייט צום עירפארט אין סוצ'אבה רומני'.

**3.** נאכן גרעניץ האב איך גענומען א טעקסי צום עירפארט אין סוצ'אבה. איך בין אראפ פון טעקסי און אראפ גענומען מיין גרויסע רענצל און דער טעקסי איז אוועק געפארן, איך בין געווען אזוי מיד אז איך האב אפילו נישט געכאפט וואס איז געשען, נאך אפאר מינוט וואס איך האב זיך אפגערוהט בין איך געגאנגען אין א ווינקל און געוואלט דארט דאווענען שחרית, און אוי ווי איך זע אז מיין קליין רענצל מיט מיינע תפילין און ביסל עסן איז געבליבן אין טעקסי און דער דרייווער איז אנטלאפן מיט דעם...

איך האב גלייך געגעבן צדקה און געבעטן דעם אייבערשטן אז די תפילין זאל צוריק קומען צו מיר, איך האב נישט געוואוסט ווער איז דער דרייווער, וואס איז זיין טעלעפאן, גארנישט...

איך בין צוגעגאנגען צו א פאליס מאן וואס איז געשטאנען אינדרויסן פון עירפארט און געבעטן הילף, אנהויב האט ער זיך נישט וואוסנדיג געמאכט פון מיר, אבער איך האב זיך נישט מייאש געווען, איך האב נאכאמאל געבעטן שיינערהייט, איך האב אים מסביר געווען אין זיין שפראך - וואס איך האב איבערגעטייטשט אין א טעלעפאן, וואס איך האב געבעטן פון א איד וואס איז דארט געווען - אז א טעקסי דרייווער האט מיר גע'גנב'עט זייער א טייערע רענצל.

פלוצלונג האט ער מחליט געווען מיר צו העלפן, ער באווייזט מיר אויף א אנדערע פאליס מאן איך זאל רעדן מיט אים. איך בין צוגעגאנגען צו יענעם, ביז ער האט פארשטאנען וואס איך וויל, ער פרעגט מיר אויב איך האב א טעלעפאן פון דעם דרייווער, האב אים געזאגט ניין.

ער האט שוין געוואלט גיין, איך האב אים געבעטן ער זאל איבערקוקן די קעמערעס, ער האט מסכים געווען און מיר גענומען צו די פאליציי סטאנציע דארט און מיר געפרעגט ווען איך בין געקומען, ער האט טאקע איבערגעקוקט און געזען ווי איך גיי אראפ פון טעקסי און ער פארט אוועק אן דעם וואס איך זאל אראפנעמען מיין קליין רענצל...

ער האט אויפגעשריבן די לייסענס פלעיטס פון די קאר און נומער טעקסי, און ער איז ארויס אינדרויסן צום דעם וואס איז אחראי אויף אלע טעקסי'ס אין עירפארט, ברוך השם אז יענער האט אים געגעבן די נומער טעלעפאן פון דעם דרייווער. דער פאליס מאן האט אים גערופן, ער האט גערעדט צו אים זייער שטרענג, נאך א דין ודברים זאגט מיר דער פאליס מאן אז אין פופצן מינוט וועט דער דרייווער קומען דא און דיר עס צוריק געבן.

איך האב געווארט בערך א האלבע שעה און מען זעט נישט דעם דרייווער, איך האב נאכאמאל אויפגעזוכט דעם פאליס מאן וואס האט מיר געהאלפן און אים געזאגט אז דער דרייווער איז נאך נישט דא.

און טאקע ביז צוויי מינוט איז דער דרייווער געקומען און איך האב גענומען מיין רענצל פון טעקסי.

שכח אייבערשטער אז איך האב נאך אנגעיאגט צו דאווענען שחרית פארן ארויפגיין אויפן פליגער.

# געדאנקען

# א טאג פון דרייסיג שעה

## מאנטאג

אינדערפרי, פרשת האזינו, כ"ז אלול תשפ"ד!

ברוך השם איך האב זיך ערוועקט אום פיר אזייגער קודם אור היום. ברוך השם אביסל צוגעענדיגט די פאקעריי, רענצל אהער רענצל אהין, מקוה, דאווענען. זיבן אזייגער איז שוין דער הויכער ספרינטער - מיט די צוועלף זיצן און נאך די והותר פאר די רענצלעך - געשטאנען גרייט ביים בית המדרש אויף האשקי ראוד. זיבן דרייסיג זעמיר ארויסגעפארן צו קענעדי עירפארט, מיר האבן גענומען די האלבער צוויייע פליט קיין בוקארעסט רומעניע. אנגעקומען 6 צופרי לאקאלע צייט, אנגערופן אהיים, געשמועסט אביסל. גענומען די ניין אזייגער פליט קיין קישינעוו, מאלדאווע. ארויף אויפן באס בערך צען אזייגער לאקאלע צייט. געפארן עטליכע שעה, געווארט ביי די מאלדאווע-אוקריינע גרעניץ. אנגעקומען אין אומאן 11 ביינאכט (דרייסיג שעה טרעוועל ברוך השם, מיט קינדער, אבי זיין ביים רבי'ן ראש השנה)

ס'האט אונז אפגעווארט א פיינע פליישיגע ווארימע נאראהאפטיגע נאכטמאל, אביסל געגעסן, געטראגן די רענצל צו אונזער שטוב אויף די דריטע שטאק פון די צימערן, געכאפט א מקוה און שאוער נאך די לאנגע וועג, געלייגט די קינדער שלאפן, אנגערופן אהיים, געשמועסט אביסל, אריינגעכאפט א פדיון נפש ביים ראש ישיבה שליט"א. ביז וואס ביז וועו איז שוין געווארן פינף אזייגער ווען מ'זעמיר געגאנגען שלאפן. אויפגעשטאנען אכט אזייגער, מסדר געווען די קינדער צו גיין אין די "היכל הקודש אומאן חדר" (פון צען ביז דרייע, נישט דא גענוג ברכות צו בענטשן די טייערע מלמדים וואס געבן זיך אפ מיט די קינדער אין אומאן, ישלם השם פעלם ותהי משכורתם שלימה מעם השם)

מקוה, שחרית, ארויף צום הייליגן ציון, צוריק צו די היכל הקודש בנין. שוין איינס אזייגער, געגעסן פון די געשמאקע מאכלים, מקוה מיט די קינדער, געגאנגען צום ציון מיט די קינדער, צוריק צו די היכל הקודש בילדינג, אנגערופן אהיים, געשמועסט אביסל.

מ'גייט שוין אריין אינעם יום טוב בענעזאם מיט טויזנטער טויזנטער אנשי שלומינו וואס טוען דעם רבי'נס רצון, שוין נאכדעם וואס ס'איז שוין איבער צוויי הונדערט יאר פון ווען דער רבי האט געזאגט מ'זאל קומען צו אים, שוין אזויפיל יאר אדורך פון ווען דער הייליגער רבי נתן זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז דער רבי האט עס געמיינט אויך לאחר הסתלקותו, און אזויפיל טויזנטער טויזנטער אידן געבן אוועק אלעס אין דער וועלט אבי מקיים זיין דעם רבי'נס רצון אז אלע זאלן קומען צו אים אויף ראש השנה.

מ'האלט שוין ביי מנחה, די הערליכע זיסע שטומע פון מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו קלינגט אינעם גאנצן היכל, ממש אן עונג יום טוב! ער זאגט דאך אזוי געשמאק די ספרד'ישע קנייטשן, ממש א ברכה צו מאכן! און בכלל די "בלענד" וואס מוהרא"ש האט אהערגעשטעלט ברוב חכמתו אז מ'קען משלב זיין אזוי שיין די נוסח פון ספרדים און אשכנזים אויף איינמאל, דאס איז ממש א "מעין" וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, אז אלע וועלן זיך פילן אין פלאץ, קיינער וועט זיך נישט גרויסן אויף א צווייטן, קיינער וועט נישט האלטן איך בין די "עכטע" און יענער איז צווייטראנגיק, וואס דאס איז נעבעך דער ביטערער גלות אז איינער האלט זיך גרעסער פון א צווייטן.

שוין נאכ'ן דאווענען, לשנה טובה פאר'ן ראש ישיבה שליט"א און פאר אלע חברים, דא און דארט הערט מען "וואונטש מיר אן איך זאל לעבן מיט'ן צדיק" "וואונטש מיר אן צו קענען מקרב זיין נאך אידן צום הייליגן רבי'ן".



שוין נאך די סעודה, מ'לייגט זיך שלאפן בזריזות ווייל אין עטליכע שעה'ן הייבט אן דער גאנצער בנין צו זשומען און ווירבלען מיט אידן וואס לויפן שוין אין מקוה ווען די הימל איז נאך האלב טונקל. פיר אזייגער טאנצט שוין רוב עולם ארויס פון די בעטן, פינף אזייגער, דער ראש ישיבה לערנט פאר די טעגליכע שיעור גמרא. זעקס אזייגער, מ'גייט צום ציון, אכט אזייגער פסוקי דזמרה, מיינע קינדער לויפן צום דאווענען

## איבערלעבענישן,
## אנאליזן און
## געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

ווייל די מלמדים טיילן מעכטיגע טיקעטס און מ'וועט קענען קויפן מעכטיגע פרייזעס.

ביי די תקיעת שופר דרשה האט דער ראש ישיבה דערמאנט אז דער יצר הרע זאגט פאר א מענטש זיינע תפילות זענען גארנישט ווערד ווייל ער האט געטון אזוי סאך עבירות, אבער דער אמת איז אז יעדע תפלה איז חשוב אין הימל, יעדער איינציגער מענטש קען ברענגען א זיס יאר אויף גאנץ כלל ישראל, און יעדער האט א חיוב צו מלמד זכות זיין פאר'ן אייבערשטן אויף אלע אידן, אז יעדער וויל זיין גוט, נאר ס'איז דא א גרויסער יצר הרע.

ביי מוסף האט מען, אזוי ווי די לעצטע עטליכע יארן, געזינגען ביי "אין קצבה" איינס פון די הערליכע מארש'ן וואס ס'האט קאמפאזירט המלחין הידוע אצל רבינו הקדוש מסאטמאר, מו"ה אברהם ווערצבערגער זכרונו לברכה.

נאך די סעודה איז מען געגאנגען צו תשליך, דערנאך די הערליכע דרשה פון די ראש ישיבה. וכמעשהו בראשונה, כך מעשהו בשניה. דעם צווייטן טאג ביי "היה עם פיפיות" האט מען געזינגען דעם הערליכן שטיקל "עיני עמך בם תליות" פון מו"ה דודי קאליש הי"ו, ס'איז געווען אן אמת'ע עונג רוחני! דער גאנצער עולם איז געווען איין גרויסע כאר! ס'האט געריסן ביים הארץ! ס'האט ערוועקט די נשמה! אויך האט מען ביי דעם צווייטן טאג ביי די סעודה געזינגען דעם וועלט בארימטן "חמול" וואס מ'זינגט אין וויזניץ.

פרייטאג צו נאכטס איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת מו"ה מרדכי היימליך הי"ו, זיין הערליכע נעימות'דיגע דאווענען האט דערמאנט וואס די וועלט זאגט, נאך אזא דאווענען ווער דארף עסן?... מ'האט געזינגען א הערליכע לא תבושי ניגון וואס מען פלעגט זינגען ביי רבינו הקדוש מסאטמאר זכותו יגן עלינו. מרוב התרגשות ושמחה האט מען ביי בואי בשלום איבערגעזינגען דעם גאנצן ניגון דריי מאל!

> די "בלענד" וואס מוהרא"ש האט אהערגעשטעלט ברוב חכמתו אז מ'קען משלב זיין אזוי שיין די נוסח פון ספרדים און אשכנזים אויף איינמאל, דאס איז ממש א "מעין" וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען.

נאך די סעודה האט מען געזינגען זמירות. צווישן אלע זמירות, אויך דעם "רחם" פון וויזניץ, מיט דעם הארציגן שטיקל אינמיטן, "יבנה המקדש", אהה! ס'האט זיך געלוינט די לאנגע נסיעה!!!

צופרי פאר שחרית, נאכ'ן דף שיעור האט מען אויסגערופן עטליכע מסיימים וואס האבן געברענגט זייער סיום צום רבי'ן ביי שחרית האט מען געזינגען דעם באוואוסטן "קל אדון" וואס מ'האט געזינגען אין סאטמאר ביים רבי'ן זי"ע, הנתחבר על ידי הרה"ח המפורסם מו"ה בעריש הורוויץ, הנקרא ר' בעריש ווישעווער זכרונו לברכה.

ביי שלש סעודות האט דער ראש ישיבה ארויפגערופן קינדער וואס האבן געמאכט פארשידענע סיומים.

מוצאי יום טוב זעמיר געגאנגען מיט די קינדער כאפן א מקוה און שאוער אין בעפארברייטונג צו די לאנגע נסיעה אהיים. דערנאך צום ציון נאכאמאל, און געלייגט זיך שלאפן.

אויפגעשטאנען אום זיבן (כ'האב געהאט א גרויסע נס מיט'ן אויפשטיין, ווייל מיין טעלעפאון האב איך בטעות געלאזט אויף "סיילענט" פון יום טוב, האט די אלארם נישט געקלונגען, ברוך השם כ'האב זיך אויפגעוועקט אזוי סתם, דער אייבערשטער האט צוריק געגעבן די נשמה). מקוה, געלאפן כאפן די "רענט קאמפיין שאטל" ביז שעוושענקא גאס, ארויף אויפ'ן באס פאר די לאנגע רייזע קיין קישינעוו מאלדאווע. שחרית אויפ'ן באס, געררייזט עלף שעה ביז קישינעוו, ביים עירפארט האמיר גענומען א טעקסי צום "פרעזידענט האטעל" פינף מינוט אוועק, געלייגט די קינדער שלאפן פון 11:30 ביז צוויי דרייסיג, איך אליין בין געשלאפן פון 12:30 ביז 2:00.

דריי אזייגער האמיר גענומען א טעקסי צום עירפארט, ארויף אויפ'ן פליגער, געלאנדעט א שעה דערויף אין בוקארעסט, נאך א צוויי שעה זעמיר ארויף אויפ'ן פליגער קיין ניו יארק. געלאנדעט דריי אזייגער אין קענעדי, אנגעקומען זעקס אזייגער אין שטעטל.

דאס איז געווען אפשר דער לענגסטער טאג אין מיין לעבן, אויפגעשטאנען צוויי אזייגער אין קישינעוו, מאלדאווע, און זיך געלייגט איינס אזייגער ביינאכט אין ניו יארק (אכטע צופרי דינסטאג אין קישינעוו, מאלדאווע), דאס מיינט א דרייסיג שעה'דיגע טאג. אבער ברוך השם מיר האבן ארייגעכאפט א שיינע פאר פרקים משניות. אויף די זעלבע נסיעה איז געווען א איד (איך בין זייער נאנט מיט אים...) וואס האט געזאגט יענעם טאג 148 פרקים משניות, אזוי ווי די גימטריא פון דעם רבי'נס נאמען. 80 פרקים אויפ'ן פליגער אליין! געלויבט דעם אייבערשטן.

ברוך השם עס איז ווערד אלע געלטער צו גלייבן אין צדיקים וואס זאגן (שיחות הר"ן סימן ע"ו) אין צריכין בלימוד רק האמירה.



# א מעשה

## פון א צדיק

## נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִידְן

צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן מוֹהֲרָא"ש זי"ע אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶס טוּט אִים זֵייעֶר וֵויי צוּ זֶען אַז מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף לְכָבוֹד הַתּוֹרָה בִּשְׁעַת מֶען מַאכְט הַגְבָּהָה פַארְן סֵפֶר תּוֹרָה, סַיי דָאס אִיז אַ פְּגַם אִין כְּבוֹד הַתּוֹרָה, אוּן אוֹיךְ מַאכְט דָאס אַ גְרוֹיסֶע קִטְרוּג אִין הִימְל אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף פַאר אַ סֵפֶר תּוֹרָה. אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט נָאךְ טַעֲנוֹת אוֹיף וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ אוֹיף אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

הָאט מוֹהֲרָא"ש אִים גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת גֶערֶעכְט מִיט דַיינֶע טַעֲנוֹת, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין מִיט דִי עִנְיָנִים, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ טְרֶעפְן חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ אוּן בֶּעסֶער צוּ דַן זַיין אִידְן לְכַף זְכוּת אוּן טְרֶעפְן אִין זֵיי גוּטֶע נְקוּדוֹת".

"גְלֵייבּ מִיר - זָאגְט מוֹהֲרָא"ש - מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, זֵיי גֵייעֶן דוּרְךְ וָואס זֵיי גֵייעֶן דוּרְךְ, זֵיי זֶענֶען פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, זֵייעֶר קָאפּ אִיז פוּל מִיט דַאֲגוֹת, אַז פָּשׁוּט זֵיי לֵייגְן נִישְׁט צוּ קָאפּ צוּ דִי זַאכְן אַז יֶעצְט דַארְף מֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְן סֵפֶר תּוֹרָה."

אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "בַּיי זֵיי אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה אַז זֵיי קוּמֶען בִּכְלַל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, אוּן זֵיי טוּעֶן אָן טַלִית אוּן תְּפִילִין, אוּן אַז אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען אוּן זֵיי גֶעבְן מוּסָר אוֹיף וִויאַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף, וֶועלְן זֵיי אִינְגַאנְצְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וַוייל דָאס אַז זֵיי קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי הָאבְן זֵיי אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר יָאגֶענִישׁ אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס זֵיי מַאכְן מִיט, אוּן זֵיי קֶענֶען דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוּן זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְן. זֵיי ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל זֵיי יֶעצְט אָנְשְׁרֵייעֶן אוּן גֶעבְן מוּסָר פַארְוָואס טוּסְטוּ אַזוֹי אוּן אַזוֹי„.



טָאמֶער קֶענְסְט עֶס טוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן רוּאִיגְקֵייט מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אָבֶּער סְתַּם אַז עֶפֶּעס בַּאדֶערְט דִיר אוּן לְכָבוֹד דֶעם גֵייסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן מוּסָר, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קְלוּגֶע זַאךְ.

אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דָאס אַלֵיין אַז דוּ קוּקְסְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיגְן, בִּיסְטוּ אַלֵיין מְעוֹרֵר אַ קִטְרוּג אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף אִידְן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אוֹיגְן פוּן רַחְמָנוּת, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אוֹיף זֵיי אַסַאךְ שֵׁיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, מֶען זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף אִידְן אוּן זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת."

(שיחות מוהרא"ש חלק י' ערך זכות)

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



צ"ג

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.**
**רֶבִּי נָתָן עֶסְט דִי סְעוּדָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן שְׁפִּירְט וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אִים בַּיים זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת.**

נָאכְ'ן בֶּענְטְשְׁן אִיז דֶער עוֹלָם זִיךְ צֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס טִישׁ, יֶעדֶער צוּ זַיין הוֹיז, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אָנְגֶעפִילְט מִיט הִתְרַגְשׁוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן. עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעזֶעסְן דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ גְרוֹיסֶער פֵייעֶר; פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוֵויינְט דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט מִיט גְרוֹיס בֶּענְקְשַׁאפְט.

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער רֶבִּי וִוידֶער גֶערֶעדְט אַסַאךְ מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען רְמָזִים וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן זִיךְ הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק.

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶענוּמֶען אַ פַּאפִּיר מִיט טִינְט אוּן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַאר זִיךְ דֶעם מַאֲמָר וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס [זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן תי"ג].

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, "מִיר הָאבְּן אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב מִיט קְלַאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן", וַוייל אִין דֶעם מַאֲמָר הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן קְלַאטְשְׁן, אוּן אוּם ווִינְטֶער שְׁנַת תקס"ג הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם מַאֲמָר וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן קְלַאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן [זֶע וַוייטֶער אִין סִימָן תנ"ז], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן יֶענֶעם יָאר.

### שְׁנַת תקס"ג

זוּנְטָאג, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג, אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב. דֶער טַאטֶע פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן זַיין ווַייבּ הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט מִסְתָּמֶא נָאךְ הַיינְט צוּרִיק אַהֵיימְקוּמֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע אִין נֶעמִירוֹב, וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם יְרִיד אִין בְּרֶסְלֶב, אַז אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי טְרֶעפְן דָארְט רֶבִּי נָתָן, זָאלְן זֵיי אִים זָאגְן עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דִי מֶענְטְשְׁן פוּן נֶעמִירוֹב הָאבְּן גֶעטְרָאפְן רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר פָארְט אַהֵיים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער יְרִיד אִיז נָאכְנִישְׁט פַארְטִיג.

וֶוען דִי סוֹחֲרִים זֶענֶען אַהֵיימְגֶעקוּמֶען קַיין נֶעמִירוֹב, אוּן דֶער טַאטֶע פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז זַיין זוּן אִיז נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעמְט אַז זַיין זוּן, וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, הָאט בִּכְלַל שַׁיְיכוּת מִיט דִי חֲסִידִים, אוּן נָאכְדֶערְצוּ מִיט "וִידוּי'נִיקֶעס", וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען צוּ שַׁאנְד אוּן שְׁפָּאט אוֹיךְ בַּיי דִי אַנְדֶערֶע חֲסִידִים.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

# קוק אהער

## כאפסט א פראסק

ער שטעקט אריין די צווי פינגער אין מויל, ער געבט א פייף, און דער פעטער גיבט אים א פראסק! אבער דער בעל שם טוב זאגט אז ער האט גאר מבטל געווען די גזירה!

מ'שטייט יום כיפור ביינאכט - די הייליגסטע נאכט פון יאר. די שול איז געפאקט, יעדער איז איינגעוויקלט אינעם טלית, מ'האלט שוין נאכן זאגן תפילת זכה, מ'קען טאפן די לופט...

דער ראש ישיבה שטעלט זיך אויף ביים ארון הקודש און פארציילט א מעשה פארן עולם: געווען איז דאס אין די צייטן פון הייליגן בעל שם טוב, דעמאלט איז נישט די לעבן געפארן אזוי סיסטעמאטיש ווי היינט, ס'נישט געווען קיינע מוסדות, נישט קיין ארגאניזאציעס, אז א קינד איז ליידער געווארן א יתום איז עס געווען א ביטערע געשעפט...

נישט געווען ווער ס'זאל זיך אויף זיי אומקוקן, קיין נארמאלע חינוך פארשטייט זיך האבן זיי אויך נישט געקענט באקומען, ס'איז געווען היפש אומאנגענעם...

איז דארטן אין מעזיבוז ביים בעל שם טוב אין שול געווען א איד וואס האט איינגענומען צו זיך אין שטוב זיין פלומעניק, א יתומ'ל, קיין חינוך האט דאס קינד קיינמאל נישט באקומען, דער פעטער האט אים געגעבן א דאך איבערן קאפ, און דאס איז עס!

יענע יאר איז דער בעל שם טוב געווען יום הקדוש זייער פאר'דביקות'ט, ער איז געווען גאר ערנסט, ווייל ער האט געזען א שרעקליכע גזירה וואס ווארט ליידער אפ אידישע קינדער.

דער בעל שם טוב האט געזאגט אז ער רייסט אין ס'זאל בטל ווערן די גזירה, אבער ווי ס'קוקט אויס וועט עס נישט בטל ווערן ליידער. ער איז מעורר יעדן איינעם מ'זאל רייסן וועלטן ביים כסא הכבוד אז די גזירה זאל בטל ווערן.

די התעוררות וואס איז דארט געווארן ביים בעל שם טוב אין שול קען זיך יעדער אליין פארשטעלן... די דאווענען, די בכיות, די ערנסטקייט...

דארט ביים עק שול זיצט ער דער יתומ'ל, ס'כאפט אים די התעוררות, ער וויל אויך דאווענען מיטן גאנצן עולם, אבער אפילו קיין צורת אות קען ער נישט! ער ווייסט נישט פון וועלכע זייט מ'עפענט אויף דעם סידור... די גאנצע דאווענען איז אים פרעמד, ער קען גארנישט!

אבער ער איז אזוי צופלאקערט צום אייבערשטן, ער וויל אזוי שטארק ארויסברענגען זיינע געפילן, זיך מיט כאפן מיטן התעוררות'דיגן יום כיפור'דיגע דאווענען, עס בליצט אים אריין א געדאנק! ער טראכט נישט קיין צוויי, ער שטעקט אריין צוויי פינגער אין מויל, ער לאזט ארויס אין שול א הילכיגן פייף!

די גאנצע שול ווערט שטיל, דער פעטער זיינער ווערט רויט פאר בושה, א מאדנע קינד, ער טוט צודרייטע זאכן, ער פייפט דא אין שול, און נאך אזוי אינמיטן יום כיפור בשעת יעדער איז אזוי ערנסט, ווער טוט אזאנס?!

גראד כאפט ער אן דעם פלימעניקל זיינער, און דערלאנגט אים אפאר פעטש "דו קענסט זיך אויפפירן ווי א נארמאלער מענטש? וואס איז דאס פייפן אין א שול? הענער? וואס מיינסטו טוסטו דא, דו דרייסט איבער דעם בית המדרש יום כיפור ביינאכט?"

אבער דער בעל שם טוב דרייט זיך אויס און זאגט פארן עולם "דער פייף פונעם קינד וואס האט אזוי געבענקט צום אייבערשטן, דאס האט מבטל געווען די גזירה!"

דער ראש ישיבה האט פאריגע וואך ביים שיעור נאכאמאל אונז מחזק געווען "לויף אריין אין שול דאווענען". איי איך שטיי דא אזוי מיט די ארבעטס קליידער, ס'איז פארשמירט...." "קוק נישט אויף קיינעם, לויף אריין אין שול און כאפ מנחה, כאפ א תפילה!"

אמאל קומט מען אין שול און דער שפאצירט שוין ווייטער אריין אזוי מיט די טי שורט מיט די קראקס, דו ווילסט שוין שרייען "נא! ס'פאסט נישט! וואס איז די מאדנע זאכן דא? פארוואס

## דאס און יענץ
## מיט א טיפערע
## ארײנבליק

**ישראל דוד העסקעל**



**בילד פון בית המדרש פון בעל שם טוב זי"ע אין מעזיבוז פון איבער 100 יאר צוריק**

קענסטו נישט זיין געהעריג נארמאל? אין וועלכע נארמאלע שול זעט מען א מענטש זאל אזוי ארײנקומען אנגעטון נישט מסודר מיט ארבעטס קליידער?"

מיר דארפן פארשטיין אז מיר פארשטייען נישט אלעס, די צדיקים ווייסן וויאזוי צו קוקן אויף די זאכן, מיר האבן נישט וואס ארײנצורעדן אין די נושא בכלל, אונזער אויפגאבע איז צו גריסן יעדן איינעם מיט א שמייכל, און אים זאגן א גוט ווארט.

דער ראש ישיבה געבט אסאך מאל די משל, מענטשן פרעגן: "וואס פעלט אויס דער דרך הלימוד, פארוואס קען מען נישט געהעריג זיין פון די געהעריגע מענטשן, וואס לויפן שוין געהעריג פאר יארן מיט די געהעריגע סיסטעם, ס'איז דא אן אויסגעטרויטעטע מהלך... וואס איז די נייע זאכן? מ'זאגט גמרא, און מ'קען זיך עפעס אזוי קומען אין שול אינעם אייבערשטענס הויז אנגעטון אזוי מיט ארבעטס קליידער? הע?"

געב א קוק אין יעדע אנדערע שול, יעדער לערנט! די שול איז געפאקט מקצה אל הקצה, אלע קומען אזוי שיין מיט היט און רעקל, מיטן גארטל, מסודר נארמאל, פארוואס מוזט עטץ אייביג זיין אנדערש און קלוגער ווי יעדעם?

זאגט אויף דעם דער ראש ישיבה אז לויט דעם קומט אויס אז אלע זענען געזונט, ברוך השם קיינער איז נישט קראנק, והא ראי' קום אין שול וועסטו זעהן די שול איז פול!

האסט געזען אמאל איינעם אין שול ליגן קראנק? יעדער קומט, יעדער גייט, היט, רעקל, נאכט כולל, קאווע, קופקע, ציגרעטל, אוי ס'שוין האלב נאך צוועלף..... סא ווער האט געוואונען ער אדער זי..... געהעריג ס'גייט אן...

נאר וואס דען? די אלע קראנקע קומען נישט אין שול, ווייל ליידער זענען זיי אין שפיטאל, אפילו די נאכט כולל איז פול, און ס'שטעלט זיך א פרישע מנין יעדע דריי א האלב מינוט...

די זעלבע אויב לאזטו נישט ארײן דעם אידל אין שול דאווענען אזוי, וועט ער נישט קומען אין שול. אוודאי קוקט אלעס אויס אזוי זיס, יעדער אין שול לערנט און דאווענט, אבער וואס איז מיט דער וואס האט זיך ליידער מייאש געווען פונעם בית המדרש?

דער ארבעטער אויפן טראק, ער קומט מיטן לעצטן אטעם, מיט א מסירת נפש לויפט ער ארײן אין שול און כאפט א מנחה, ער ברענט פארן אייבערשטן, א איד בין איך, דאווענען מוז איך, זאל זיין וואס זאל זיין, איך וואלט געוואלט קומען דאווענען מיט מיין היט און רעקל, אבער איך מיז יעצט כאפן מנחה!

קומט א גוט אידל און דערלאנגט אים א פראסק! "ארויס פון דא! דא קען מען נישט אזוי ארײנקומען... וואס איז די מאדנע אויפפירונג?"

וואס ווייסטו, אפשר האט ער מיט זיין מסירת נפש פארן אייבערשטן צו קומען שול דאווענען, צוריסן שרעקליכע גזירות....

לאמיר זען צו טוישן אונזער בליק אויף כלל ישראל, אידישע קינדער ווילן זיין וואויל, זיי ווילן דאווענען, זיי ווילן לערנען יעדן טאג, מיר דארפן נאר זען צו קוקן גוט אויף יעדן איד, אפגעזען אויב ער פירט זיך נישט וויאזוי איך וואלט געוואלט.

שכח אייבערשטער אז מיר זענען זוכה צו זיצן דא אין היכל הקודש, וואו מיר באקומען לעבעדיגע לימודים, דו דארפסט נישט אויף אים קוקן, און זיכער דארפסטו אים נישט נאכמאכן, דו דין דעם אייבערשטן ווי אזוי ס'איז גוט פאר דיר, און לאז יענעם דינען דעם אייבערשטן אויף זיין וועג!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**

# שיינער אין גראמען

ש.ג. פליישמאן



סייווי
פארפאלן

סייווי
גטען
שלעכטס

סייווי
געזינדיגט
מיט מיר

צו הערן די
גאנצע שיעור
רופט

212-444-9169
1-2

(א"י 079-70-400-69)

## צוקראך דעם באלאן פון
# סייווי

פארוואס טוען מענטשן נישט תשובה?
האט געפרעגט דער ראש ישיבה.
ווייל דער ס"מ רעדט אין אונז אריין,
אז פון אונז וועט שוין גארנישט זיין.

דו קענסט סייווי נישט זיין שטארק!
תשובה איז א שווערע היוכא בארג!
וויפל מאל קענסטו נאכאמאל פראבירן,
פארמאכט זענען פאר דיר די טירן.

דער אייבערשטער פון אדם פרעגט:
עסן פון עץ הדעת האסטו נישט געמעגט?!
אדם ווארפט אראפ פון זיך דעם חטא,
"חוה האט מיר אנגערעדט"...

און חוה האט אויך א תירוץ גלייך:
"דער שלאנג מיט זיין זיסן שפראך"...
שולדיג איז זיין געשליפענע צונג,
דאס האט מיר געמאכט זינדיגן גרינג"...

הבל פאלט נעבעך א טויטער אנידער,
קין האט גע'הרג'עט זיין אייגענע ברודער.
דער אייבערשטער פון אים פרעגט:
וויאזוי האסט אזאנס געמעגט?!
קין זאגט: חטאתי... איך האב געזינדיגט,
און זיין תשובה ווערט באוויליגט.
"זיבן דורות" זאגט דער אייבערשטער פאר קין,
"קענסטו זיך רואיג פריי ארומדרייען"...

נאך דעם עץ הדעץ איז אדם הראשון,
אריינגעפאלן אין א טיפע depression.
ער האט זיך פון שטוב אפגעשיידט,
מיט עבירות געווארן מער פארדרייט...

איין טאג פארציילט אים זיין זון קין:
דער אייבערשטער האט אים געטון פארציייען,
אדם, פארוואונדערט, בלייבט שטיין:
אזוי גרינג? תשובה איז א ווארט נאר איין?!

פון יצר הרע, אן Illusion, א פארבלענדעניש,
אז אנהויבן זיין גוט, דו קענסט שוין נישט.
איין חטאתי, זאג עס אין אידיש:
"באשעפער, איך האב מיר באנארישט"...
"sorry I'm ,Recalculate" שמועס אין אמעריקאניש...
רעד די שפראך וואס איז דיר היימיש!
זאג: "טאטע איך קום צוריק צו דיין טיש"...

"האסט דאך שוין נעכטן געזאגט די זעלבע תורה?!?"
ווערסטו הערן פלוצלונג א קול פון מרה שחורה...
דערקען עס! עס איז דער קול פון דעם פרומען שטן,
ער וויל דו זאלסט דיין טאטע ווייטער פאררעטן...
הער צו די שטילע קול פון דיין אנדערע זייט,
דערקען עס! עס איז דיין טאטע! ער זאגט מיט ווארעמקייט:
"קום צוריק צו מיר! לאז אפ די זינד...
איך ווארט אויף דיר... מיין ליב איינציג קינד!!!"



ג. פעקעטע

# א גריס פון
# דיין טאכטער!

א "גריס פון דיין טאכטער" - זאגט אסתר צו מרת שווארץ.

"אה, זייער שיין. האסט זיך באגעגנט מיט איר?"

"יא איך האב איר געטראפן אין די שאפינג סענטער דא ביי אונז אין שטאט!"

"זייער שיין, איך האב הנאה צו הערן, שכח פארן מיר לאזן וויסן".

מרת שווארץ איז געווען זייער נייגעריג, פון וועלכע טאכטער רעדט אסתר. זי רופט אן איר עלטסטע טאכטער, וואס מאכט שוין באלד חתונה די דריטע קינד.

"העלאו" - "יא מאמי, וואס טוט זיך? וואס מאכסטו?"

"ברוך השם, זייער פיין! ווי אזוי גייט דיינע הכנות צו די חתונה?"

"ברוך השם, מיט גרויס הצלחה! איך האלט אין איין בעטן דעם אייבערשטן אלעס זאל גיין כשורה, אלעס זאל זיך אויסארבעטן אויף די שענסטע אופן, מיר זאלן האבן אסאך הצלחה אין די צייט, און אסאך ברכה אין די געלט".

"א מחי'" ענטפערט מרת שווארץ "אזוי זיס זיך א עצה צו געבן מיט תפילה. לאמיר דיר פרעגן, דו ביסט געווען נעכטן אין די שאפינג סענטער דא אין שטאט".

"ניין!" פארוואס פרעגסטו?"

"אה, איך האב באקומען א גריס פון אסתר מיין חבר'טע, אז זי האט געזען מיין טאכטער, איך האב זיך נישט געקענט אויס'משל'ען וועלכע טאכטער זי האט געמיינט, האב איך געקלערט איך וועל דיר פרעגן, אפשר מיט אלע הכנות צו די חתונה ביסטו נעכטן געווען ביי די שאפינג סענטער".

"זייער שיין, אבער ניין, עס איז נישט געווען מיך".

**א מעשה אויף למעשה**

"אקעי' האב א פריילעכע טאג, מיט אסאך הצלחה אין די ארבעט, דער אייבערשטער זאל דיר שיקן אסאך כח זיך גרייטן אויף די שמחה".




די נייגער איז געבליבן, וועלכע טאכטער האט מיין חבר'טע אסתר געזען נעכטן אין שאפינג סענטער? אפשר מיינט זי מלכי? איך גלייב שווער אז מלכי איז נעכטן געווען אין שאפינג סענטער ווייל זי איז ביזי, זי ארבעט. אבער לאמיר איר פרובירן צו פרעגן.

'דו ביסט אנגעקומען צו די וואוים מעיל פון מלכי כ"ץ' זאגט די מאשין 'ביטע לאזט איבער א קלארע מעסעדזש.' "העלאו מלכי, דאס איז מאמי, איך האב דיר נאר געוואלט פרעגן א קלייניגקייט, רוף מיר צוריק ווען דו האסט אפאר איבריגע מינוט. האב א גוטע פריילעכע טאג! ביי! עס איז מאמי".

אקעי, נישט מלכי. ווער דען קען עס זיין? ווער נאך האט מיין חבר'טע אסתר געקענט נעכטן זען אין די שאפינג סענטער? לאמיר טראכטן, אפשר איז עס גאר ברכי? ברכי איז דאך א קימפעטארין, איך גלייב נישט אז זי איז נעכטן ארויס צום שאפינג סענטער, אבער לאמיר פרובירן. נאך צוויי קורצע קלינגען הייבט ברכי אויף מיט א לעכטיגע פריילעכע שטימע.

"א גוט מארגן מאמי! וואס מאכסטו? איך האלט פונקט אינמיטן טראכטן פון דיר, און דאנקען דעם אייבערשטן פאר אזא געטרייע מאמע וואס האלט אין איין לייגן תפילות פאר אונז, פאר אלע קינדער און אייניקלעך, אז מיר זאלן האבן הצלחה און אויסוואקסן ערליך. ווי אזוי גייט דיין צופרי?"

"ברוך השם, ברכי!" - זאגט מאמי, און מען קען הערן די פרייד פון איר שטימע, פון אזא העפליכע גוט מארגן - "ברכי לאמיר דיר פרעגן נאר איין קורצע שאלה, מסתמא ווילסטו זיך אראפלייגן כאפן א דרימל, נאכן זיין אויף א גאנצע נאכט מיט די פיצל, וואס מאכט זי טאקע? איך קען שוין קוים ווארטן זיך נאכאמאל צו באגריסן מיט דיין נייע שרה'לע".

"יא, יא נאר א מאמע פארשטייט, נאר א מאמע ווייסט וואס איין פרוי גייט דורך אין איין נאכט, א מאמע פון א קליין קינד. שכח מאמי פארן זיך אזוי אוועקגעבן אלע דיינע יארן אונז אלע צו אויפהאדעווען, דו האסט אוועקגעגעבן דיין טעג און נעכט, דיין כח און מיה, אלעס אונז אויפצוציען, און קוק טאקע, דו ביסט די גליקליכסטע פרוי וואס איז דא צו געפונען היינטיגע צייטן, דו האסט זוכה געווען אויפצושטעלן אזא ערליכע שיינע און ערליכע משפחה מיט קינדער און אייניקלעך".

"יא, יא, שכח אייבערשטער, נאר מיט אסאך אסאך תפילות קען מען דורך טראגן די זיסע שווערע יארן".

"ברכי ביסטו נעכטן געווען אין די שאפינג סענטער? איך האף אז נישט, דו ביסט דאך א קימפעטארן, יעצט איז דיין צייט זיך אפצורוען און צוריקקומען צו די כוחות. איך פרעג נאר ווייל איך האב באקומען א גריס פון מיין חבר'טע אסתי, אז זי האט געזען מיין טאכטער נעכטן אין שאפינג סענטער, און איך בין זייער נייגעריג וועלכע טאכטער זי מיינט, איך האב נישט אנגעיאגט איר צו פרעגן".

"ניין מאמי! איך האלט נאכנישט ביים קענען ארויסגיין, קוים ארויס פון בעט קען איך ציען, אביסל אויסצורישן די קינדער ארויפצולייגן אויפן באס, און זיך שנעל צוריק אריין זען אין בעט, צו כאפן נאך אביסל שלאף, וואס דאס געבט מיר א שטארקע מח, און נאר אזוי קען מען אניאגן די איבריגע טאג שפעטער נאכמיטאג".

"זייער פיין טוסטו ברכי, אזוי האב איך ענק טאקע אויסגעלערנט, זייער זייער וויכטיג פאר א אידישע מאמע זיך אויסצורוען, צו קענען האבן אסאך אסאך כח וואס דאס קומט פון אמונה, געדענקן אז דער אייבערשטער טוט אלעס, דער אייבערשטער מאכט אלעס, און דער אייבערשטער פירט אלעס. דו ווייסט וואס דער רבי זאגט אז דורך שלאף באקומט מען אמונה, א קלארע אמונה, עס איז ממש פשוט, ווייל ווען מען איז אויסגערועט איז די מח גאנץ, און עס איז גרינגער אנצונעמען אלעס, אבער ווען מען איז מיד ווערט מען אזוי שנעל אנגעצויגן און אויפגערעגט פון יעדע קלייניגקייט. רוה זיך אויס ברכי, א זיסן טאג!".

"ביי מאמי! שכח".

יעצט איז מרת שווארץ'ס נייגער שוין געווען אויף די נעקסטע שטאפל, ווער האט עס געקענט זיין? נאר מלכי האט זי אויסגעלאזט, אבער זי ווייסט אז מלכי וועט איר נישט צוריק רופן פאר פינעף אזייגער, ווען זי קומט אהיים פון די ארבעט. ווייסטו וואס, באטראכט זי זיך, איך גיי צוריקרופן מיין חבר'טע אסתי, לאמיר איר פרעגן וועם זי האט געמיינט.

רינג... "העלאו, אסתי?"

"יא, וואס מאכסטו מרת שווארץ? איך האב אזוי הנאה געהאט זיך צו באגריסן מיט דיר פריער, וואס זאגסטו עפעס ניי? עפעס גוט'ס?"

"אסתי, דו מוזט מיר זאגן וועלכע טאכטער דו האסט געזען אין שאפינג סענטער, געוועינטליך בין איך נישט אזוי נייגעריג, אבער יעצט קען איך זיך נישט פארשטעלן וועם דו מיינסט, וועלכע טאכטער האסטו געזען אין שאפינג סענטער? זיי אזוי גוט, און זאג מיר"

"אה, אה, אה" צולאכט זיך אסתי "ניין, איך האב נישט געזען דיין טאכטער ממש, דו ווייסט שוין אז וואו מען זעט פון די זיסע לעכטיגע קארטלעך, האט עס עפעס מיט איינע פון דיינע טעכטער, זיי האבן דאך אלע די זכי' צו פארשפרייטן די זיסע עצות פון דער הייליגער רבי, זיי זענען אזוי זיס און זיי פרובירן אריינצוברענגען אין נאך איין מענטש צו וויסן און גלייבן און שפירן אז דער אייבערשטער איז דא מיט זיי, ביי זיי און נעבן זיי. אלעמאל ווען איך טרעף זיי, זאגן זיי מיר א גוט ווארט, א קאמפלימענט, און א גוטע חיזוק, וואס קומט אריין ממש נוצבאר פאר מיר אויף יענע מינוט. נעכטן ווען איך בין געווען אין שאפינג סענטער, האב איך געזען אפאר פון די זיסע קארטלעך מיט די נומער ווי מען קען אריינרופן צו 'קוואל פון חיזוק' 'קוואל פון אמונה', און איך האב געטראכט, דאס מוז זיין איינע פון דיינע זיסע טעכטער וואס האבן עס דא איבערגעלאזט, וועגן דעם האב איך דיר געזאגט א גריס פון דיין טאכטער!"

**"א גוט מארגן מאמי!**

**וואס מאכסטו? איך האלט**

**פונקט אינמיטן טראכטן**

**פון דיר, און דאנקען דעם**

**אייבערשטן פאר אזא**

**געטרייע מאמע וואס האלט**

**אין איין לייגן תפילות פאר**

**אונז, פאר אלע קינדער**

**און אייניקלעך, אז מיר**

**זאלן האבן הצלחה און**

**אויסוואקסן ערליך. ווי אזוי**

**גייט דיין צופרי?"**

"אזוי! יעצט רעדסטו, איך האב זיך ממש נישט געקענט טראכטן ווערן וועלכע טאכטער דו האסט געמיינט, יעצט פארשטיי איך שוין, עס קען זיין חוי, אדער מלכי אדער ברכי טאקע. אבער א גרויסן שכח פאר די גרוס, האסט מיר ממש דערוואַרעמט מיין הארץ.

ווען מלכי האט באשטעטיגט שפעטער נאכמיטאג, אז יא זי האט זיך נעכטן ארויסגעכאפט צו קויפן מיטאג, און איבערגעלאזט אפאר קארטלעך פון הפצה, אז נאך פרויען זאלן קענען אריינרופן די האטליין, און הערן שיינע חיזוק אויף אמונה און תפילה. האט זי זיך אויסגעדרוקט מיט גרויס וואונדער "אזוי ווייניג מענטשן זאלן זיין צו פארשפרייטן די ריזיגע לעכטיגע אור, אז מען זאל עס שוין קענען צוטרעפן צו איינע פון דיינע טעכטער?" - זאגט זי צו איר מאמע מיט גרויס וואונדער - "ווי גליקלעך ביסטו מאמי, אז דו האסט זוכה געווען צו אזא נחת. און ווי פארשעמט מוז נאך זיין ברסלב אז פון די גרויסע לעכטיגע ריזיגע אור, וואס געבט ארויס א חיות און לעבן, א לעבן וואס איז זיס און געשמאק, זאלן זיין קוים איינצעלע מענטשן, וואס זאלן זיך קענען אזוי שטארקן, און עס גיין פארשפרייטן אויף די גאנצע וועלט? מוז זיין אז דאס איז מעשה שטן!"

אחד היה אברהם, אברהם אבינו איז געווען איינס אין זיין דור, צו פארשפרייטן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. ער איז געקומען צו די אנערקענונג, אז עס מוז זיין אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, וואס איז מחי'ה און מהווה די גאנצע וועלט, די וועלט קען נישט האבן א קיום און דעם וואס דער איין איינציגער באשעפער זאל עס פירן.

אברהם אבינו האט דאס פארשטאנען, און ווען ער האט באקומען די קלארע דעת, איז ער ארומגעגאנגען צו די גאנצע וועלט אויסשרייען 'עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט', אבער יעדער האט אים אויסגעלאכט, זיי זענען ווייטער געגאנגען דינען זייערע געטשקעס. אבער אברהם האט נישט אויפגעגעבן.

ווען א מענטש איז זוכה צו שפירן אייבערשטער, זען אייבערשטער, פילן אייבערשטער, און אמת'דיג גלייבן אז דער באשעפער איז דא מיט אים, ביי אים, און נעבן אים, ער פירט יעדע זאך, קליין און גרויס, זיין לעבן ווערט אים אזוי ליכטיג, ער ווערט אזוי ווי אונזער טאטע אברהם אבינו.

ווען מען איז זוכה צו נעמען די ליכטיגקייט, און עס פארשפרייטן פאר די גאנצע וועלט, אז יעדער זאל שפירן די ליכטיגקייט, וויסן אז דער אייבערשטער פירט אלעס, און גלייבן אז דער אייבערשטער הערט אויס א יעדע ווארט וואס מיר רעדן צו אים, איז ער דער גליקליכסטער מענטש אויף די וועלט.

"הייליגער באשעפער! העלף מיר איך זאל שפירן אז דו ביסט דא מיט מיר, ביי מיר, נעבן מיר. און געב מיר די זכי'ה צו זיין אזוי ווי אברהם אבינו, ארייננברענגען דער אייבערשטער אין די גאנצע וועלט".

**אחד היה אברהם!**

# מחשבה

ל. טראכטער



## אחד היה אברהם

"זיידע, ווער איז דער מענטש דא? וואס בויעט ער? וואס זאגט ער?"

"אה, דער? מאך נישט קיין עסק פון אים, ער זיצט שוין דא אזוי זייט איך בין געבוירן און נאך פריער. ער רעדט עפעס פון באשעפער אז מען דארף תשובה טון. קום לאמיר גיין... אבער מען האט נישט געהאלטן ביי אונז פון אים..."

אזוי האט נח געהערט 120 יאר, געבעטן און פראבירט צו מעורר זיין מענטשן צוריקצוקומען צום אייבערשטן. מען האט געשפעט - געלאכט - ליצנות געמאכט...

...

א גאנצע דור... א גאנצע וועלט... יעדער גלייבט אין האלץ און שטיין. איינער דינט די זון און א צווייטער די לבנה און א דריטער גאר דעם גרויסן קעניג.

איין אברם הוכר את בוראו, האט איינגעזען אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט. זיין טאטע האט אים שטרענג אנגעזאגט אז דאס איז קעגן די מסורה, זיינע חברים האבן אים אלע איבערגעלאזט, אבער אברהם אבינו האט איינגעזען דעם אמת און זיך געשטעלט קעגן די וועלט.

...

"פארוואס דארף ער זיין פרומער ווי יעדן?" האבן די אלץ-ווייסערס זיך געקרעגט, מען דארף לעבן בשלום מיט די רעגירונג." ער זוכט זיך, ער רייצט אויף אנטי-סעמיטיזים."

אבער "מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה" - מרדכי האט זיך נישט געבוקט, נישט געבויגן פון די תורה, אפילו ער איז געווען איינער אליינס, אפילו רוב אידן זענען יא געגאנגען צום גרויסן סעודה פון אחשורוש, אפילו אידן האבן געזאגט אז אין די פאל דארף מען זיך יא בוקן צו המן.

מרדכי האט זיך נישט דערשראקן צו טון וואס איז ריכטיג אפילו ער איז געווען אנדערש ווי רוב.

...

חשמונאים... וואס טראכט איר? וויפיל זענען זיי געווען אין צאל? זייער ווייניג. רבם ככלם כלל ישראל זענען געווען ליידער פאכאפט אין די קולטור פון יון, פון די מתיוונים. א קליינע צאל, לויט איין מדרש 13 מענטשן, בכלל נישט פאפולער, בכלל נישט געשעצט. פונקט פארקערט, מען האט זיי אראפגעקוקט, דערנידערט, געלאכט פון זיי, נישט פארשטאנען וואס זיי טראכטן. עס איז שוין סיווי דערנאך. אבער דאך, האט זיך די קליינע ארמיי געקלאמערט צום דרך האמת, און א דאנק דעם האבן מיר היינט די חנוכה ליכטעלעך לדורות, וואס דערווארימט אונז דורכאויס די לאנגע און קאלטע גלות.

...

היפט איבער אפאר טויזענט יאר... עס איז געוויס דא אסאך העלדן אין כלל ישראל, וואס אלע זענען ווערד באזונדערע קאפיטלען, אבער לאמיר איבערמישן צו די לעצטערע תקופה.

...

דרך החסידות.... א תלמיד הבעל שם טוב איז דאך געווען אזא אפגעפרעגטע זאך, נייע וועגן, נייע ווינטן, מען האט נישט געהאלטן דערפון...

...

1900 למספרם... די הייפעלע שמירת שבת אידן אין אמעריקא. מיינט נישט אז זיי זענען געווען די העלדן. דעמאלטס האט מען זיי גערופן "בטלנים, נארנים..." אויב האט איר שוין אמאל געליינט די געשיכטעס פון די אידן אין יענע צייט, א שטייגער ווי "ר' יעקב יוסף הערמאן ז"ל" וועט איר זיך איבערצייגן אז טון ריכטיג און זיין אויסגעשפילט גייט זייער אפט אינאיינעם.

די פרוי פון ר' יעקב יוסף האט זיך אמאל אויסגעדרוקט צו אים, נאכדעם וואס ער איז ארויס פון א "היימישע" חתונה, צוליב תערובות, "איך קען אין ערגעץ נישט גיין מיט דיר, איך שעם זיך, אלעמאל זענען מיר אנדערש." האט איר ר' יעקב יוסף געזאגט: "דא אויף די וועלט שעמט מען זיך צו זיין ערליך און טון וואס איז ריכטיג, אבער אויבן וועלן מיר זיין גליקליך, ותשחק ליום אחרון..."

ווי דער גמרא זאגט "ענדערש זיין א נאר אין אויגן פון מענטשן א גאנץ לעבן ווי איידער א רשע איין מינוט בעיני ה'."

...

דער סאטמארער רבי זי"ע... פרעגט דעם עלטערן דור... ווען דער רבי זי"ע איז ארויס אזוי שארף קעגן די ציונים איז ער געווען אפגעפרעגט און אפגעשפעט ביי רוב כל ישראל.

ער איז געווען איינער אליינס אין זיין קאמף פאר די ריינע אמונה. אבער דאס שטעלט נישט אפ אן ערליכע איד פון צו טון וואס איז ריכטיג און היינט זעען מיר די פירות. אידישקייט אין אמעריקא איז צו פארדאנקען די פריעדיגע צדיקים וואס האבן אוועקגעשטעלט די יסודות, טראץ די ליצנות, טראץ דאס וואס זיי זענען געווען אנדערש ווי אלע...

...

תשפ"ה איז גארנישט אנדערש. צו זיין אן ערליכע איד און טון וואס איז ריכטיג וועט אלעמאל מיטקומען מיט די פרייז פון זיין "אנדערש ווי רוב."

די וועלט זאגט, "וואס איז גערעכט טוט נישט אלעמאל יעדער, און וואס יעדער טוט איז נישט אלעמאל גערעכט."

דער רבי האט אונז דאס שוין געלערנט "דער וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן."

איינער האט מיר אמאל געפרעגט אויף א געוויסע אונטערנעמונג אויב עס איז געווען גוט אדער שווער. און איך האב איר געזאגט "ביידע." גוט און שווער איז בכלל נישט קיין סתירה.

אייגנטליך, גוט און שווער גייען רוב מאל צוזאמען. אז א זאך קומט אן שווער, איז דאס נישט א סימן אז עס איז נישט קיין גוטע זאך-פארקערט עס איז הערשט א סימן פון גוט.

אין די תקופה ווען מוהרא"ש האט נישט געקענט זיין אין ארץ ישראל, ווייל די ערב רב האבן אים געוואלט איינזעצן אין תפיסה, איז מוהרא"ש אמאל געווען אין קרית יואל ביים ציון פון הרב הקדוש מסאטמער זכותו יגן עלינו וואו ער האט זייער געוויינט אויף דעם וואס ער האט אזויפיל רדיפות. שפעטער ביינאכט האט זיך מוהרא"ש גע'חלומ'ט ווי ער שטייט פאר'ן רבי'ן פון סאטמער זי"ע און פארציילט אים פון זיינע רדיפות, און דער רבי זי"ע האט אים געזאגט: "דאס דארף דיר מחזק זיין, אז דו זעסט ווי שווער עס גייט דיר יעדע זאך איז דאס א סימן אז דו ביסט פון די קדושה. ווען עס וואלט דיר אלעס געגאנגען גרינגערהייט וואלט מען געקענט טראכטן אויף דיר אז דו ביסט נישט פון די קדושה"; מוהרא"ש האט זיך אויפגעוועקט און זיך זייער מחזק געווען.

דאס איז דאך ממש די מעשה פון סיפורי מעשיות פון די בן יחיד וואס האט געוואלט אנקומען צום צדיק אמת און זיין טאטע האט אים כסדר איבערצייגט אז די נסיעה גייט שווער, וואס דאס אלעס איז א סימן מן השמים אז ער טוט נישט ריכטיג און מען זאל נישט גיין צום צדיק.

שפעטער נאך וואס זיין זון איז אוועק פון די וועלט האט זיך דער שטן אנטפלעקט פאר'ן טאטן און מודה געווען אז ער איז געשטאנען אונטער אלע שטרויכלונגען, אפצוהאלטן דעם זון פון אנקומען צו א צדיק אמת.

דער רבי גרייט אונז אזוי אן פאר'ן לעבן. גוט און שווער איז נישט קיין סתירה. זיין אנדערש ווי יעדן איז נישט קיין סימן אז עס איז נישט ריכטיג.

נאר דער ראש ישיבה לערנט אונז כסדר "קוק וואס דו האסט אין די האנט! קוק וואס דו פארדינסט. קוק וואס פאסירט מיט דיר, מיט דיינע דורות..." דאס זאל זיין אונזער מעסטער.

מיין חבר'טע, מיין שכנ'טע, מיין שוועסטער... זיי וועלן מיר נישט קענען העלפן אין לעבן, נישט אויף די וועלט און אוודאי נישט אויף יענע וועלט.

שווער? יא אוודאי איז שווער. עס איז שווער צו זיין אנדערש. עס איז שווער זיך צו שפירן "אינדרויסן."

אבער שוועסטער געדענק, אונזער צייט דא איז אזוי צייטווייליג און עס איז ווערד צו שפירן אביסל "שווערער" אינעם פארצימער ווי איידער צו שפירן "זייער שווער" אינעם אייביגן זאל.

מיר דארפן זיך כסדר דערמאנען אז מיר זענען דא נאר אויף א קורצע צייט אריינצוכאפן וואס מער, איינצוקויפן וויפיל מיר קענען, ווייל אט אט קומט מען שוין צוריק און דאן ווילן מיר זיך נישט שעמען ווען מען וועט עפענען אונזערע פעקלעך דארט אויבן.

מיין חבר'טע טראכט שוין אפאר יאר אז זי מוז אוועקפארן זיך אויסלופטערן. זי "מוז" פארן אדער קיין פלארידע אדער קיין אריזאנע, זי שפירט ממש ווי זי דארף עס פאר די נערוון.

ויהי היום, עס איז ענדליך אנגעקומען די גרויסע טאג. צעטיילט די קינדער, געפאקט די פעק, געפארן אין עירפארט און ב"ה בשעה טובה איז זי אנגעקומען צו איר אויסגעבעטענע וואקאציע.

אבער צו איר אנטוישונג האט זי אנגעהויבן שפירן פיבער די ערשטע אינדערפרי נאכ'ן אנקומען. זי האט געוויילט דארט פינף טעג און געפיבערט דריי. די אנדערע צוויי טעג איז זי נאך געווען אפגעשוואכט פון די ווירוס און איז געבליבן זיצן אין האטעל אן קיין איין טראפ כח ארויסצוגיין און זיך אנזאפן מיט די שיינע סצענעס און לופט, אויף וועלכע זי האט אזוי ארויסגעקוקט.

צומאל איז אויך אזוי מיט אונז. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די זכי' אנצוקומען אין גן עדן. מען איז שוין אריבער אלע שוועריקייטן און אלע וואסערן און מען וויילט שוין ביים צדיק און הערשט דאן קומט אריין די פיבער, אביסל ליצנות פון דעם און יענעם, אייגענע שטותים אין קאפ... און מען זיצט שוין דא און מען האט נישט הנאה פון גן עדן. דאס איז דאך אזא ווייטאג.

ווי דער רבי האט שוין געזאגט "אויף צוויי כתות מענטשן האב איך רחמנות, אויף די וואס ווייסן נישט פון מיר און אוף די וואס ווייסן יא און פאלגן נישט די עצות."

אז דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די זכי' און אונז מקרב געווען צו אזא רבי וואס האט אזוי רחמנות אויף אונז, דארפן מיר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן פאלגן די עצות, בתמימות ופשיטות, און נישט זיין די אפהאלט פון אונזערע מענער און אונזערע קינדער צו שטייגן און עבודת ה', נאר פארקערט, מיר זאלן זיין די "העלדישע אידישע פרויען, די נשים צדקניות" וואס האבן מחזק געווען די מענער צו טון וואס איז ריכטיג אפילו עס איז אנדערש ווי רוב און אפילו עס איז שווער.

...

איצינד שרייבט זיך די היסטאריע פון תשפ"ה. אז מיר וועלן פאלגן בתמימות און נישט כאפן התפעלות פון "יעדער און קיינער" וועלן מיר זיין די העלדיינס פון די נעקסטע קאפיטל אין אידישע היסטאריע, א קייט פון מסירת נפש צו טון וואס איז ריכטיג וואס ציעט זיך צוריק דורות לאנג.

# Best Beef Gala

BY: H. JAY

## INGREDIENTS:

- 4 TO 6 BEEF KNEE BONES TO FILL POT
- 3 PIECES FLANKEN
- 40 CLOVES GARLIC, DIVIDED
- 1 LARGE SPANISH ONION
- 2 TABLESPOONS SALT
- 2 TEASPOONS BLACK PEPPER
- 1 TEASPOON SMOKED PAPRIKA
- 1/2 TEASPOON CAYENNE PEPPER
- WATER TO FILL THE POT
- LOTS OF GLOVES!
- OLIVE OIL

## DIRECTIONS:

1. PLACE KNEE BONES, FLANKEN, ONION, AND 20 GARLIC CLOVES IN AN EIGHT-QUART POT. ADD WATER TO FILL THE POT, COVER HALFWAY AND LEAVE ON LOW FLAME WITH A SMALL SIMMER FOR APPROXIMATELY 8 TO 12 HOURS.
2. LET COOL FOR A LITTLE AND STRAIN THE POT, TRANSFERRING THE LIQUID TO ANOTHER POT. REMOVE ANY MEAT GRISTLE FROM THE BONES, AND THEN DISCARD THE BONES.
3. CHOP UP THE GRISTLE AND ANY MEAT FROM THE FLANKEN OR LAMB. PLACE IN A POT. CHOP UP THE REST OF THE GARLIC WELL, TOSS WITH A LITTLE OLIVE OIL, AND ADD TO THE SAME POT. ADD THE REST OF THE SPICES AND WATER OVER LOW HEAT, UNTIL SIMMERING, THEN SHUT THE FLAME. TASTE FOR SALT, PEPPER, AND GARLIC AND ADD MORE IF NEEDED.
4. WHILE STILL HOT, USE A LADLE TO PACK YOUR GALA AWAY IN ANY CONTAINER YOU LIKE. REFRIGERATE OVERNIGHT. UNCOVERED
5. BEFORE COVERING, SCRAPE OFF ANY FAT.
6. REMOVE THE GALA FROM THE REFRIGERATOR ABOUT AN HOUR BEFORE SERVING. SERVE WITH CRACKERS OR BE AS BRAVE AS MY MOTHER AND ENJOY IT STRAIGHT UP! NOTES: GALA FREEZES VERY WELL. JUST MELT IT DOWN IN A POT AND REFRIGERATE IT AGAIN TO GEL IT BEFORE SERVING.






קומענדיגן גורל וועט פארקומען קומענדיגן **זונטאג וירא 6:30** אם ירצה השם

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## דִי פִישֶׁעלֶעךְ טַאנְצְן אַרַיין אִינֶעם שִׁיף

וואוּ הָאט דֶער רֶבִּי חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶוער וֵוייסְט?

דֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל אוּסְיַאטִין; דָארְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּלֶעגְט גֵיין אִין שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, דָארְט פְּלֶעגְט עֶר אַסַאךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער חַבֶר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, עֶר זָאל נִישְׁט טוּן קַיין זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט, עֶר זָאל טוּן נָאר מִצְוֹות אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים

דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דֶער רֶבִּי דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען זֶען, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טַייךְ, זִיךְ דָארְט בַּאהַאלְטְן

אִין דִי שְׁטֶעטֶעלֶע אוּסְיַאטִין לוֹיפְט אַרִיבֶּער אַ וַואסֶערְל, אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע טַייךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע שִׁיפֶעלֶע, עֶר פְּלֶעגְט אַרִיבֶּער שְׁוִוימֶען צוּם אַנְדֶערְן זַייט בְּרֶעג, דָארְט הָאט עֶר גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט, גֶעלֶערְנְט אוּן זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁוִוימֶען מִיטְ דִי שִׁיפֶעלֶע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, עֶס זָאלְן אַרַיינְטַאנְצְן אַפָּאר פִישֶׁעלֶעךְ אִינֶעם שִׁיפֶעלֶע; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ רֶעד צוּ דִיר אַזוֹי סַאךְ, אִיךְ וִויל זֶען אַז דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס, בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר; אִיךְ בֶּעט יֶעצְט עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס, דִי פִישׁ זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שִׁיף", פְּלוּצְלוּנְג זֶעט דֶער רֶבִּי וִוי פִישׁ הֵייבְּן אָן אַרַיינְטַאנְצְן אִינֶעם שִׁיף; דָאס הָאט שְׁטַארְק גֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס זַיינֶע תְּפִילוֹת

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר, וַוייז מִיר וִוי דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע תְּפִילוֹת!"

קִינְדֶער, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אַייעֶרֶע תְּפִילוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, "כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילַת כָּל פֶּה" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְנְ'ס גֶעבֶּעט; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער




שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פִישֶׁעלֶעךְ!

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

אז איך האב נישט געדאווענט יום הקדוש, וועל איך דאווענען אין גאטס נאמען!

## ברסלב'ע חידות

**מוהרא"ש ז"ע האט איינגעפירט אז יעדן טאג נאכן דאווענען זאל מען זאגן**

א. תיקון הכללי
ב. פרק שירה
ג. א פרק משניות
ד. לחיים

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער ראש ישיבה שרייבט אין עצתו אמונה אז דער עיקר וואס דער רבי וויל פון אונז איז "זיך דערהאלטן"!

## געב א שמייכל

**וואס האט איין אויג געזאגט פארן צווייטן?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**כד. אֱמוּנָה בָּא עַל יְדֵי שְׁתִיקָה.**

אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַויְיגְט, בַּאקוּמְט עֶר אֱמוּנָה.



# שרייב טישל

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ז | י | נ | א | ב | ג | ז |
| ה | נ | ג | ע | ז | א | ג | ט |
| א | א | ז | ג | ת | נ | ו | פ |
| נ | ב | ט | נ | ב | מ | ב | פ |
| נ | ה | פ | י | ג | צ | ב | נ |
| ס | ג | ז | ר | מ | ת | ע | י |
| ז | ע | מ | פ | ת | ו | א | י |
| א | ק | ב | ש | ט | פ | ד | ש |
| ו | ל | ד | ע | ה | ע | מ | ה |
| י | י | ד | ג | ג | ת | ב | ב |
| פ | נ | ל | פ | י | ה | ב | ח |
| ש | ג | ט | א | ז | ד | ד | ש |
| ט | ע | ו | ר | א | ג | י | נ |
| י | נ | מ | א | מ | ט | ח | ע |
| י | ר | ע | ג | י | י | ז | ל |
| נ | ד | צ | ב | פ | ס | ר | ס |
| נ | ח | ה | ב | ס | א | ש | ח |

די זייגער האט געקלינגען
מיר טוען שנעל אויפשטיין
פון בעט אראפגעשפרינגען
געזאגט "מודה אני" שיין

## טרעף די וועג

**שטייט אויף צו עבודת הבורא!**





# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



נחמן נתן און אליעזר שלמה שניצלער



בית פיגא טבריה


וואלווי מינצבערג
קבר רחל


דוד גאטליב


נתי אפענהיים


מאטי און שרי לב


משפחת פריעדריך נח'ס תיבה




שיקט אריין אייער מאלעריי צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# מִשְׁפַּחַת גְּלִיק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

פאריגע וָואךְ הָאט מֶען פַארְצֵיילְט אַז צִירִי הָאט אָנְגְרֵייט אַ סוּרְפְּרֵייז פַאר דִי סִיוּם פוּן מֶענְדִי. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי שֵׁיינֶע בַּאפּוּצְטֶע בִּיכֶעלֶע, מִיט אַ טֶעלֶער, צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פּוּשְׁקֶע קֶעיק, אָנְפַאנְגֶענְדִיג צוּ אוּנְטֶערְלֵייגְן דִי בִּיכֶעלֶע אוּן... אוּפְּס! וֶועמֶען זֶע אִיךְ דָא? דֶער חָתָן מֶענְדִי אַלֵיין! אִיךְ הָאבּ שְׁנֶעל פַארְשְׁטֶעקְט דִי בִּיכֶעלֶע אוּנְטֶערְן אָרֶעם, אָבֶּער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט, מֶענְדִי הָאט אַלֶעס גֶעזֶען!

יֶעצְט לֵיינְט וַוייטֶער: מַיין גַאנְצֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע מוּט הָאט אַרָאפְּגֶעטְרַאסְקֶעט בִּיזְן עֶרְד, גְלַייךְ וֶוען מֶענְדִי אִיז אַרוֹיס, בִּין אִיךְ אַנְטוֹישְׁטֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין בֶּענְקְל אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען וֵויינֶען: 'אַזוֹיפִיל צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט צוּ אִיבֶּערַאשְׁן מֶענְדִי אוּן פּוּנְקְט יֶעצְט הָאט עֶר גֶעמוּזְט עֶפֶּעס נֶעמֶען פוּן קָאךְ! פַארְוָואס? פַארְוָואס גֵייט מִיר נִישְׁט מַיינֶע פְּלֶענֶער?"

הֶענְדִי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶען אִיר גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער וֵויינֶען - "פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ?" הָאט זִי שְׁפֶּעקוּלִירְט דֶערְשְׁרָאקֶענֶערְהֵייט

- "הָאסְט בְּלוּט?"

"נֵיין" - הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶעשָׁאסְן - "אִיךְ וִויל טוּן גוּטֶע זַאכְן אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט! אֵייבִּיג!"

הֶענְדִי מִיט אִיר תְּמִימוּת עֶנְטְפֶערְט מִיר: "צִירִי דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט וֵויינֶען, וַוייל מַיין טִיטְשֶׁער הָאט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶפֶּעס גֶעמַאכְט אַנְדֶערְשׁ וִוי מֶען וִויל דַארְף מֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, זִי הָאט אוּנְז אֲפִילוּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ לִיד פוּן דֶעם: זָאל זַיין אַזוֹי, זָאל זַיין אַזוֹי, זָאל זַיין אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל..."

אִירֶע אֱמֶתְ'עֶ וֶוערְטֶער הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן מִיר דֶערְמַאנְט אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעהֶערְט, אָבֶּער בִּשְׁעַת נִסָּיוֹן הָאבּ אִיךְ אַלֶעס פַארְגֶעסְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, גֶענוּמֶען דִי בִּיכֶעלֶע אוּן עֶס גֶעגֶעבְּן פַאר מֶענְדִי מִיט אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל, אוּן אַ אֱמֶתְ'עֶ גוּטֶע רָצוֹן.

צִירִי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער: עֶנְק וִוילְן הֶערְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן מְוַותֵּר זַיין?

אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן גֶעשֶׁעפְט צוּזַאמֶען מִיט מֶענְדִי, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַ גֶעהֵיימֶענִיסְפוּלֶע אַטְמָאסְפֶער הֶערְשְׁט אִין הוֹיז.

מַיין מַאמֶע דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט הַאסְטִיגֶע טְרִיט אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיט שְׁטִילֶע טֶענֶער אוֹיפְ'ן פָאוֹן.

דִי קִינְדֶער זֶענֶען פַארְשְׁפִּילְט אִין צִימֶער, אִיךְ קוּק אָן מֶענְדִי מִיט פְרֶעגֶנְדִיגֶע אוֹיגְן אָבֶּער עֶר וֵייסְט אוֹיךְ נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר.

מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין צִימֶער, כְּדֵי נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן מַיין מַאמֶע פוּן אִירֶע וִויכְטִיגֶע שְׁמוּעֶסְן, אוּן פַארְשְׁפִּילְט וַוייטֶער דִי קִינְדֶער.

"פֶּעטֶער בָּרוּךְ וֶוערְט הַיינְט אַ חָתָן!" רוּפְט מַיין מַאמֶע אוֹיס מִיט עֶקְסְטַאז, אַרָאפְּלֵייגְנְדִיג דִי פָאוֹן אוֹיפְן בֶּעט - "מִיט אַ כַּלָּה דִירְנְפֶעלְד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל" - אִירֶע אוֹיגְן גְלַאנְצְן פוּן אִיבֶּערַאשׁוּנְג - הַיינְט אִיז דִי לְחַיִּים-תְּנָאִים בַּיי בַּאבִּי פְרִיעֶד אִין שְׁטוּבּ!

מִיר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אָנְגֶעשְׁטֶעקְט פוּן מַיין מַאמֶע'ס אִיבֶּערַאשׁוּנְג, טַאנְצְנְדִיג אוּן פַּאטְשְׁנְדִיג.

"אִיךְ וֵייס וִויאַזוֹי מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי כַּלָּה פַאר פֶּעטֶער בָּרוּךְ" - רוּפְט וֶועלְוֶועלֶע אוֹיס - "וַוייל בַּאבִּי אוּן זֵיידִי הָאבְּן גֶעזוּכְט גוּט, גוּט, אִין אַ-לֶ-ע גַאסְן, אֲפִילוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ כַּלָּה!"

ל. סאקס

"נִישְׁט אֱמֶת! - פְּרָאטֶעסְטִירְט הֶענְדִי - "עֶס אִיז וֶועגְן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

דֶערְוַוייל הָאט אוּנְז מַיין מַאמֶע אַרוֹיסְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט עֶנְק בֵּיידֶע מִיטְנֶעמֶען צוּ דִי לְחַיִּים/ וָוארְט/תְּנָאִים, אָבֶּער וִויבַּאלְד אֵיינֶער דַארְף בְּלַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, זָאל דָאסְמָאל צִירִי מִיטְקוּמֶען, כְּדֵי זִי זָאל זִיךְ בַּאקֶענֶען מִיט דִי כַּלָה". זִי הָאט קָאנְצֶענְטְרִירְט אִיר בְּלִיק אוֹיף מֶענְדִי - "דוּ בִּיסְט אַ אַחְרַיוּת'דִיגֶער אִינְגְל מֶענְדִי, דוּ וֶועסְט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, יָא?"

מֶענְדִי הָאט צוּגֶעשָׁאקְלְט מִיטְן אָפְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט, אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן אוּן צוּזֶען דִי פְּרֵיילִיכֶע מְצִיאוּת מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי קֶעיקְ'ס, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט מַיין טַאטֶע אוּן עֶר נִישְׁט, אוּן בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאסְמָאל וֶועל אִיךְ מְוַותֵּר זַיין, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אֲפִילוּ אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְהַאלְטְן דִי וָוארְט. נָאךְ אַלֶעס, אִיז מֶענְדִי אַזוֹי נָאנְט אוּן בַּאלִיבְּט מִיט פֶּעטֶער בָּרוּךְ, זָאל עֶר מִיטְהַאלְטְן זַיין שִׂמְחָה.

*קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ אֵייךְ דֶערְצֵיילְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וִויאַזוֹי ס'הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט.*





# 19 דער אוצר אויפן באן

דאָס לעבן און שאַפן פון מוהרא"ש זי"ע



*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס





## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה חיים ישעי' דעפריס הי"ו**
**וזוגתו חי' תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.






## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון עוזר גרינפעלד הי"ו**
**וזוגתו פיגא תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

For all your software automation needs.

Call Moishy Ekstein
845-428-2782

## בעביסיטינג

מיר נעמען אן צו בעביסיטן אייער קינד פאר א קורצע אדער לענגערע טערמין, איר דארפט נישט רופן פאר דעם.

ש. ראבינאוויטש
347-885-4205

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**יודא פריינד הי"ו**
**וזוגתו זלאטא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן האבן אסאך הצלחה אין שטעטל, און קענען ערציען אלע קינדער אויפן רבינ'ס וועג.

# געשעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





הקפות שניות אין היכל הקודש בית שמש - מוצאי שמחת תורה תשפ"ה



די קינדער ביי הקפות שניות אין היכל הקודש בית שמש



מען צונעמט די סוכה אין ישיבה


בעזהשי"ת
תלמוד תורה היכל הקודש
ירושלים עיה"ק תובב"א
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א
כיתות שם הנדבן
נתנדב ע"י מו"ה שם הנבן הי"ו
וזוגתו מרת תחי'
*sruliHeskel





דער ראש ישיבה שליט"א איז מנחם אבל זיין טאטע שליט"א וואס זיצט שבעה נאך זיין ברודער
הגה"צ רבי עמרם ראטה זצ"ל אב"ד האמאראד





פרישע הייזער ווערט געבויעט אויף די בארדיטשוב גאס אין שטעטל




בית התבשיל שיקט קליידער אויף
ארץ ישראל פאר די קהילה




נייע באס געקויפט פאר די מוסדות
אין שטעטל

# פונעם שרייבן דעם קוויטל (הושענה רבה) ביזן ארויסשיקן דעם קוויטל (זאת חנוכה) איז אלעם באצאלט!

אנשי שלומינו רופן זיך ווארעם אן
פארן מגבית רבי מאיר בעל הנס
יעדער נעמט א זכות אין א כתה!




זיך אונטערצונעמען
א כתה און צו הערן
מער פרטים רופט היינט
דעם גבאי:

347.466.2410

יעצט קענט איר האבן דעם
געלעגנהייט פון זיך איינהאנדלען אן
אוצר ביי רבי מאיר - איר קענט יעצט
נעמען די זכות פון א כתה וואס וועט
זיין פאר אייערע נאמען און זכות!
מער פרטים וועלן נאכפאלגן
בעזהשי"ת.

מוסדות היכל הקודש
בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני





וואכנאכט צוזאמען מיט א סיום הש״ס פון מו״ה חיים ישעי׳ דעפריס הי״ו ביים זיידן
הרב רבי יצחק לעסער שליט״א אין יבנאל







די באזאר אין שטעטל איז געווארן מער פארברייטערט
צו די צופרידענהייט פון די חשובע תושבים



געגאסן פעיוומענט ביי די האשקי שארטקאט



ראש חודש פארברענג אין היכל הקודש לינדען



מען פארעכט די סיין אין ישיבה

קרעדיטס: משה בלוי,שלמה האממער, אליעזר שמן, שמעון פיש